# דאס פייגעלע און שטייגל

ווערטער הירש אשעראוויטש, מוזיק מאיר באגדאנסקי

אויב דו וועסט ארויסלאזן דאס פייגעלע פון שטייגל,
וועט ניט הייסן, ס׳איז דאס שטייגל פוסט.
ס׳וועט די פרייהייט צוזעצן זיך ערגעץ אויף א צווייגל
און זי אטעמען וועט אין דייך ברוסט.

זאל דאס טירל אויפגעריסן — אויפן ווינט זיך וויגן.
ריגל איז א מערדעריש געצייג!
און געזאנג וואס קומט פון א געפענגעניש איז א ליגן,
פארבלאז איז די פארביקייט אין שטייג.



דער גוט-באקאנטער פאעט אברהם זאק, אויף זיין נסיעה פון בואנעס־איירעס קיין ישראל וועט פערוויילן אייניקע טעג אין לאנדאן—מיר זאגן דעם חשובן גאסט א ברוך-הבא.

א שבת־נאכמיטאג איז געווען געווידמעט לכבוד דעם בוך דער „צדיק פון מיראנדא“, פון י. ה. קלינגער.

אין בית שלום עליכם אין תל-אביב איז אויפגעהאנגען געווארן א טאוול לזכרון פון פאעט י. ה. לעווי.

אין בן אורי דער אוונט „יידיש מאמע־לשון“ איז געווען א גרויסער דערפאלג.

מיטוואך, דעם 19׳טן אפריל, 7 אזייגער אין אדלער־הויז דער יזכור־אוונט פארן ווארשעווער געטא־אויפשטאנד.

צו דער ערשטער יארצייט פון שרייבער, יעקב ריכטיגער, ווערט דער נפטר, א טאג פאר ערב פסח אריבערגעפירט קיין ישראל דארטן צו קומען צו דער אייביקער רו־



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 9־398) 33־סטער יאר אפריל־מאי 1972, לאנדאן

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

א י נ ה א ל ט :

19׳טער אפריל 1972, ל״ג בעומר, לכבוד שבועות תשל״ב, צום פיפטן יאר
ירושלים השלימה ...... *** 3
צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, ...... מאיר באגדאנסקי 9
1943 דער 19׳טער אפריל 1972, ...... אסתר ערלעכמאן 11
נישט פאר מיר די בלומען (דריי לידער) ...... עלא זילבערג 13
אילוזיעס, אילוזיעס, אז מ׳ווערט פינף און זיבציק (פעאזע און פאעזיע), א. נ. שטענצל 15
א ליבער יום טוב ל״ג בעומר, ...... שמעון ווינשטיין 25
מיין מאמע (ליד) ...... רות באכנער 28
די אוצרות פון טוטאנקאמאן, ...... דוד בערמאן 29
יאנקעל צימבאליסט (א קאפיטל פון פאן טאדעאיש) ...... אדאמ מיצקעוויטש 31
א ז״דע צום אייניקל, מיין אייגענער חבר, גוטסקייט ווו ביסטו (לידער) פייוול זיגלבוים 35
לאנדאנער קולטור־ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן סעטלמענט, העריקעס סטר. א. 1.

אונזער הארציקן מזל־טוב ח. נ׳ בענקוויטשן צו זיין פינפטן אור־אור אייניקל און שלמה דזשאקאווסקי און פרוי צו זייער צווייט אייניקל.

פריינט יוסף גרינבערג צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר ווינטשן מיר—עד מאה ועשרים—

מזל טוב צו דער חתונה פון מייקל אייזעק בענטלי מיט העלען גראנט — א גליקלעך און פריילעך לעבן!

א. נ. שטענצל

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער גוט-באקאנטער שרייבער און פאעט אברהם זאק אין באגלייט פון זיין פרוי אויף זײַן נסיעה קיין ישראל איז דא געווען איי־ניקע טעג. ער איז פייערלעך אויפגענומען געווארן ביי דער לעבעדיקער צייטונג פון פארזיצער יוסף פרענקל באגריסט געווארן פון יוסף לעפטוויטש און דר. יעקב מייטליס און אויך דערנאך פארברענגט אין א שמועס מיט חברים שרייבער ביי א גלעזל טיי.

° ° °

דער באקאנטער אקטיאר און זינגער סעם גאלדבערג וואס איז צוריקגעקומען פון זיין דערפאלגרייכער טור פון אמעריקע און גרייט איצט צו זיין רעציטאציע און געזאנג אוונט אין לאנדאן, וועט שבת נאכמיטאג, שבועות דערציילן פון לעבן אין ניו־יארק.

די חברים־טרופע פון יידישן לאנדא־נער טעאטער טרעטן אויף כמעט יעדער וואך מיט גרויס דערפאלק אין פארשידענע טעאטערס און אין זאלן אין לאנדאן און אין דער פראווינץ.

° ° °

אין ווייטשעפל ארט־גאלערי האט מען לעצטנס געזען פיין געמאלענע יידישע ביל־דער פון באקאנטן אקטיאר הערי אריע און ישראל-בילדער פון חיה פרידמאן.

° ° °

ביי דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג, ביי „קאמוניזם און ציוניזם“ ווו עס האבן גערעדט ש. י. גאלדשמיד און דר. מאיר גערטנער האט זיך ענטוויקלט א שטורמישע דיסקוסיע. פארזיץ יוסף פרענקעל.

° ° °

די מצבה אויפן קבר פון מנשה ווייסגראז ע״ה געוועזענער וויס־פרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון ווערט געשטעלט זונטאג דעם 4׳טן יוני אויפן ריינעם בית־עולם.

° ° °

מרים לעווי איז צוריקגעקומען פון איר נסיעה אין ישראל, זייענדיק דארטן ביים אויפדעק דעם טאפל לכבוד איר מאן דעם באקאנטן פאעט יוסף הלל לעווי ע״ה.

° ° °

די אלגעמיינע הזכרה לכבוד דער וואר־שעווער געטא-אויפשטאנד ווו עס האבן גע־רעדט לארד מאיברײַ קינד, לארד בארנעט זשאנער, דער ישראל גענעראל קאנסול מתתיהו דגן און נעמי פרידמאן. א חזן האט געמאכט א „קל מלא רחמים“ א כאר האט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער, און דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יוליאן גאלד האט רעציטירט לידער פון לייוויק און גלאטשטיין, איז אדורך מיט גרויס דערפאלג. דעם פארזיץ האט געפירט דר. סיימאן פריזנער.

° ° °

ביי דעם 19׳טן הזכרה, איינגעארדנט פון פריינט פון יידיש לשון, דעם בונד און רידינג רום, האבן גערעדט מאיר באגדאנסקי, אסתר ערלעכמאן, רעציטירט און געליינט פון חורבן ליטעראטור נחמן רובין, שלמה דזשאקאווסקי. דער באקאנטער אקטיאר און זינגער לעאן בלומענזאן האט געמאכט דעם קל מלא רחמים. פארזיץ א. נ. שטענצל.

° ° °

דער יום העצמאות פייערונג און דער יום ירושלים איז געפייערט געווארן אין אלע שולן און אין פארשיידענע זאלן אין לאנ־דאן. ביי די יידיש ליטערארישע שבת נאכ־מיטאגס זיינען די פייערונגען געווידמעט געווען. צוויי שבתים.

° ° °

דער ליטעראַרישער שבת, דעם 22׳סטן אפריל איז געווען געווידמעט א. נ. שטענ־צלען צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר.

° ° °

חבר קוטשינסקי איז געווען דער דעלע־גאט פון לאנדאן אויף דער בונדישער קאנ־פערענץ אין אמעריקע.

° ° °

דער באקאנטער שרייבער י. ח. קלינגער אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי איז געפארן אויף א באזוך קיין ישראל.

° ° °

דער סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש־לשון“ רובין מיט זיין פרוי זיינען געפארן אויף א לענגערן באזוך קיין ישראל.

° ° °

י. ה. בינענפעלד איז געפארן אויף א לענגערן אויפהאלט קיין ישראל.

° ° °

הערש לייב קאופמאן, א בונדישער אנ־געזעענער טוער אין לאנדאן איז געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד צו זין און די אייניק־לעך און זיין ברודער נטע קאופמאן.

° ° °

צום סימפאזיום פון יידישן וועלט קאנ־גרעס וואס וועט זיין קומענדיקן חודש אין פאריז פארט אפ פון לאנדאן א 10־12 דעלעגאטן.

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 99־398) 33׳סטער יאר אפריל־מאי. 1972 לאנדאן


## 19טער אפריל — 1972

דער חג־העצמאות געווארן איז א יום־טוב !
אבער וואס וועט ווערן פון 19טן אפריל :
„נישט צו פארגעסן קיינמאל, נישט צו פארגעבן !“
פון די זעקס מיליאן קדושים דער לעצטער וויל ?

א שבעה־עשר בתמוז, א תשעה־באב
צו זיצן אויף דר ערד מיט געוויין און געקלאג,
ווען ס׳פארפלעכט זיך מיט נשמה־ליכט נצחון־פאקל,
חג־עצמאות, 19טער אפריל אין איין טאג ?

קיין שבעה ס׳איז — א שבועה הייליק צו שווערן :
אייביק צו געדענקען, נישט פארגעסן קיינמאל,
אז־אן די זעקס מיליאן קדושים אונזערע
נישט געווארן עס וואלט א מדינת־ישראל.

## איין גאט ווייסט . . .

א

אויב עס איז נייטיק געווען זעקס מיליאן יידן
צו פארטיליקן, אויסקוילן און פארקוילן,
כדי צו האבן אן אייגענע מדינה — —
דאס ווייסט נאר איין גאט, פאר מיר איז עס פארהוילן.

אבער נאך מסחר צו מאכן איצט מיט דייטשלאנד,
קולטור־שאכער טרייבן, גרויס־פאליטיק פירן,
אזוי מ׳גראשנדיק־קלינגענדיק — איין גאט ווייסט,
מ׳קאן נאך, חלילה, מער ווי א לאנד פארלירן.

ב

מיליאנען, הונדערטער טויזענטער מיליאנען,
פארן געקרייציקטן זיי פרעפלען, זיי קניען,
האבן זיי אויפגעהערט די הונדערטער יארן,
אונז פייניקן און אויף שייטערס בראטן און טליען ?

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער גוט-באקאנטער שרייבער און פאעט אברהם זאק איז באגלייט פון זיין פרוי אויף זײן נסיעה קיין ישראל איז דא געווען אייניקע טעג. ער איז פייערלעך אויפגענומען געווארן ביי דער לעבעדיקער צײ°טונג פון פארזיצער יוסף פרענקל באגריסט געווארן פון יוסף לעפטוויטש און דר. יעקב מייטליס און אויך דערנאך פארברענגט אין א שמועס מיט חברים שרייבער ביי א גלעזל טיי.

° ° °

דער באקאנטער אקטיאר און זינגער סעם גאלדבערג וואס איז צוריקגעקומען פון זיין דערפאלגרייכער טור פון אמעריקע און גרייט איצט צו זיין רעציטאציע און געזאנג אונט אין לאנדאן, וועט שבת נאכמיטאג, שבועות דערציילן פון לעבן אין ניו־יארק.

די חברים־טרופע פון יידישן לאנדאנער טעאטער טרעטן אויף כמעט יעדער וואך מיט גרויס דערפאלק אין פארשידענע טעאטערס און אין זאלן אין לאנדאן און אין דער פראווינץ.

° ° °

אין ווייטשעפל ארט־גאלערי האט מען לעצטנס געזען פיין געמאלענע יידישע בילדער פון באקאנטן אקטיאר הערי אריע און ישראל-בילדער פון חיה פרידמאן.

° ° °

ביי דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג, ביי „קאמוניזם און ציוניזם“ ווו עס האבן גערעדט ש. י. גאלדשמיד און דר. מאיר גערטנער האט זיך אנטוויקלט א שטורמישע דיסקוסיע. פארזיץ יוסף פרענקעל.

° ° °

די מצבה אויפן קבר פון מנשה ווייסגראז ע״ה געוועזענער וויים־פרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון ווערט געשטעלט זונטאג דעם 4׳טן יוני אויפן ריינעם בית־עולם.

° ° °

מרים לעווי איז צוריקגעקומען פון איר נסיעה אין ישראל, זייענדיק דארטן ביים אויפדעק דעם טאפל לכבוד איר מאן דעם באקאנטן פאעט יוסף הלל לעווי ע״ה.

° ° °

די אלגעמיינע הזכרה לכבוד דערווארשעווער געטא-אויפשטאנד ווו עס האבן גערעדט לארד מאיבריי קינד, לארד בארנעט זשאנער, דער ישראל גענעראל קאנסול מתתיהו דגן און נעמי פרידמאן. א חזן האט געמאכט א „קל מלא רחמים“ א כאר האט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער, און דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יוליאן גאלד האט רעציטירט לידער פון לייוויק און גלאטשטיין, איז אדורך מיט גרויס דערפאלג. דעם פארזיץ האט געפירט דר. סיימאן פריזנער.

° ° °

ביי דעם 19׳טן הזכרה, איינגעארדנט פון פריינט פון יידיש לשון, דעם בונד און רידינג רום, האבן גערעדט מאיר באגדאנסקי, אסתר ערלעכמאן, רעציטירט און געליינט פון חורבן ליטעראטור נחמן רובין, שלמה דזשאקאווסקי. דער באקאנטער אקטיאר און זינגער לעאן בלומענזאן האט געמאכט דעם קל מלא רחמים. פארזיץ א. נ. שטענצל.

° ° °

דער יום העצמאות פייערונג און דער יום ירושלים איז געפייערט געווארן אין אלע שולן און אין פארשיידענע זאלן אין לאנדאן. ביי די יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס זיינען די פייערונגען געווידמעט געוועזן צוויי שבתים.

° ° °

דער ליטעראר־ישער שבת, דעם 22׳סטן אפריל איז געווען געווידמעט א. נ. שטענצלען צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר.

° ° °

חבר קוטשינסקי איז געווען דער דעלעגאט פון לאנדאן אויף דער בונדישער קאנפערענץ אין אמעריקע.

° ° °

דער באקאנטער שרייבער י. ח. קלינגער אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי איז געפארן אויף א באזוך קיין ישראל.

° ° °

דער סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש־לשון“ רובין מיט זיין פרוי זיינען געפארן אויף א לענגערן באזוך קיין ישראל.

° ° °

י. ה. בינענפעלד איז געפארן אויף א לענגערן אויפהאלט קיין ישראל.

° ° °

הערש לייב קאופמאן, א בונדישער אנגעזעענער טוער אין לאנדאן איז געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד צו זין און די אייניקלעך און זיין ברודער נטע קאופמאן.

° ° °

צום סימפאזיום פון יידישן וועלט קאנגרעס וואס וועט זיין קומענדיקן חודש אין פאריז פארט אפ פון לאנדאן א 10־12 דעלעגאטן.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 4־5 (העפט 398־99) 33׳סטער יאר אפריל־מאי. 1972 לאנדאן

### 19טער אפריל — 1972

דער חג־העצמאות געווארן איז א יום־טוב !
אבער וואס וועט ווערן פון 19טן אפריל :
„נישט צו פארגעסן קיינמאל, נישט צו פארגעבן !“
פון די זעקס מיליאן קדושים דער לעצטער וויל ?

א שבעה־עשר בתמוז, א תשעה־באב
צו זיצן אויף דר ערד מיט געוויין און געקלאג,
ווען ס׳פארפלעכט זיך מיט נשמה־ליכט נצחון־פאקל,
חג־עצמאות, 19טער אפריל אין איין טאג ?

קיין שבעה ס׳איז — א שבועה הייליק צו שווערן :
אייביק צו געדענקען, נישט פארגעסן קיינמאל,
אז אן די זעקס מיליאן קדושים אונזערע
נישט געווארן עס וואלט א מדינת־ישראל.

### איין גאט ווייסט . . .

א

אויב עס איז נויטיק געווען זעקס מיליאן יידן
צו פארטיליקן, אויסקוילן און פארקוילן,
כדי צו האבן אן אייגענע מדינה — —
דאס ווייסט נאר איין גאט, פאר מיר איז עס פארהוילן.

אבער נאך מסחר צו מאכן איצט מיט דייטשלאנד,
קולטור־שאכער טרייבן, גרויס־פאליטיק פירן,
אזוי מ׳גראשנדיק־קלינגענדיק — איין גאט ווייסט,
מ׳קאן נאך, חלילה, מער ווי א לאנד פארלירן.

ב

מיליאנען, הונדערטער טויזענטער מיליאנען,
פארן געקרייציקטן זיי פרעפלען, זיי קניען,
האבן זיי אויפגעהערט די הונדערטער יארן,
אונז פייניקן און אויף שייטערס בראטן און טליען ?

אן יענעם בעלפער וואלט דען א באלפור,
א פריש־געבוירן ישראל געווען ?
א צה״ל בר־כוכבאיש־גבורישער,
פון או־עס־א, רוסן און כינעזן ?

בלויז אן ר׳ שמעונען, אן ר׳ עקיבאן,
גאנצער ערד־קייל צו וואס נאך קאן טויגן ?
אחוץ פאר ציל־רייפל פון אטאם־פייל,
יינגליש אפגעשאסן פון א בויגן.

## לכבוד שבועות תשל״ב

מיט קאפ געקלעטער צו הימל קלארן,
אויף צוויי וואקל־פיס מענטש שטאלץ זיך געשטעלט;
מיט הוי היי־הויך זיינע הועיות
שטראליק צעהעלט חיהאיש פינסטערע וועלט —

געוואלט, געוואיע, געוויין — ווארט געווארן !
וויפיל וויסט־ווילדע דורות גענומען ס׳האט — —
ערשט ווען פון א פעלדז דעם שטיין געריסן,
מיט ציין אין אים געביסן — מיט א דלאט —

נישט מיט ספינקסן, נישט מיט טויטן־מאסקעס,
מיט לעבעדיקן פארשטיין אין שטיין פארקריצט;
אז דער אנוכי, צווישן מענטש און מענטש,
מיט ליבשאפט פון איינעם צום צווייטן אויפבליצט —

פנים אל פנים אלץ לויטערער קלאר
עס וועט די וועלט באקומען איר וואר געשטאלט !
איוב נישט, אלץ פארפינסטערטער און טיפער,
אין עמק־הבכא זינקנדיק זי פאלט.

נישט פארמומיטעטער איך עס איז דער מענטש
און געטלעכקייט מיינט נישט אומענדלעכער טויט — —
עס איז אונזער אין־סופיק טאג־טעגלעך
ערלעך אויסגעהארעוועט שטיקל ברויט.

די שתי לוחות זיינען דער כריתת־ברית,
אז יעדער ריס צוושין מענטש מענטש אויפהערט —
וועלן מיר זיי האלטן די געבאטן,
וועט שלום הערשן איבער דער גארער ערד.

און אויב נישט ? ווען איינער איבער צווייטן,
הערשן וועט וועלן, פארקנעכטן אים צו זיך,



תוהו ובוהו וועט ווערן די וועלט,
דער טייוול אין א ג׳אט מאסקע — איר משיח.

## די כותל מערבי

(דב סדנען צום ווערן א בן שבעים)

צווישן אונזערע אוראלטע לעגענדעס
א קליין מעשהלע, אבער א שיינס פארהאן;
איז עס פארשטופט ערגעץ אין א ווינקל־וואו,
ווייל דערציילט צו באשיינען דעם ארעמאן;
דעם הארעפאשניק, דעם פראסטן לאסט־טרעגער,
נישט בלויז דעם גרויסן גביר, נגיד און פאן — —
עס פראסט פארשרייבן מיט אפאר שורות בלויז,
ווי שטייט עס דארט: „אל תסתכל בקנקן״.

נישט קיין פסאלם־זינגער ווי זיין פאטער דוד
דער זון זיינער, שלמה המלך, געווען;
ליבע־לידער רק תמיד נאר געזונגען,
וואו נאר א יפת־תואר ער ווען געזען,
איז פארוואס צו אים דווקא ג׳אט זיך געווענדט:
„מיין וואוינונג איצט פאר מיר אויפשטעלן געבען״?
זיינע הענט אין בלוט נישט איינגעטונקט ער האט,
דערפאר אט איז עס אין זיינע טעג געשען.

די ששון ושמחה צווישן די שבטים,
אין אלע שטעט שאלט יובל־פרייד געשריי:
„איבער אלע פאלאצן, אלע טעמפלען,
הערלעכער און העכער פאר ג׳אט דאס געביי!״
וואס איינער נאר געהאט אנגעלאדן האט,
קיין ירושלים ג׳אטס שטאט דאס געגיי — —
מיט די געזאנגען די בערג מיטגעגאנגען,
מקטן ועד גדול געווען דערביי.

גאלד און זילבער, דימאנטן און בריליאנטן,
אבנים טובות, די שענסטע אין דער וועלט
די גבירים, די נגידים געטראגן
ווען מען האט דאס בית־מקדש אויפגעשטעלט.
די בעסערע בעלי־בתים האבן געברענגט
דאס צירונג און פול־געשטאפטע זעק מיט געלד — —
די, וואס מיט גרויס קענטשאפטן אין מלאכות,
מיט פלייס און ליבשאפט ארבעטן זיך געשטעלט.

וואס געבליבן פאר די הארעפאשניקעס ?
האבן זיי געברענגט זיי׳רע מאזאליע־הענט !
צו די העכסטע בערג זיי זענען געלאפן,
די גרעסטע שטיינער געריסן פאר די ווענט;
געהאקט, געדלאטעט, געטעסעט גאנצע טעג,
פון דער גליאיקער זון געווארן פארברענט — —
וויאזוי די שווערע שטיינער אהערגעברענגט ?
קיין שום יליד־אשה נישט פארשטיין געקענט.

שענער ווי זיין געליבטע שולמית —
איר שלאנקער האלז, איר אויסגעטאקט גליד
פאר אלע אייביקייטן באזונגען,
אין זיין אומשטערבלעך שיר־השירים ליד —
די שלאנקע טורעמלעך איבערן היכל,
די געזימסן גין־גאלדן אויסגעשמידט — —
פון באוואונדערונג, פון גרויס באגייסטערונג
אויף אירע קעניגין־קני מלכה שבא קניט.

די שיינקייט, די אויסטערלישע פון גאטס הויז,
עס צו דערציילן ווער קאן מיט מענטשלעכע רייד ?
אנצוקוקן אלע פעלקער געקומען
פון אלע עקן וועלט, פון נאנט און פון ווייט;
ווייל קיינער אזוינס נישט נאכמאכן געקענט —
זע, די געטלעכקייט אליין אויף דער ערד שטייט !—
א קנאה־שנאה זי חרוב צו מאכן
פון ערשטן בליק זייערן זיך שוין געגרייט.

ווען ירושלים חרוב געווארן,
נישט געבליבן פון איר א שטיין אויף א שטיין;
דעם חצר, דאס היכל, ס׳קדשי־קדשים,
וואו דער כהן־גדול נאר פלעגט אריינגיין,
דער שונא צעאקערט אין א וויסטעניש,
וואו שאקאלן וואיען מיט ווילדן געוויין — —
בלויז די מויער, וואס די הארעפאשניקעס
געבויט מיט זייער שוויס, געבליבן איז שטיין !

## צום פינפטן יאר ירושלים השלימה

וואס איז דער להבדיל פון דער כינעזישער,
דער בערלינער ביז צו כותל־מערבי־וואנט ?
זי איז נישט אויפגעשטעלט צו זיין א מחיצה — —
געבליבן שטיין, אז שרייבן אויף איר ס׳זאל גאטס האנט.



אינמיטן תוהו ובוהו, ווען אלצדינג שוין
בלוטיק־בלאטיקער, כאאטישער נאכאנאנד,
א שטראליקער רעגנבויגן עס באווייזט זיך,
דער אצבע־האלוקים אויפן הימל־ראנד —

ווי גיגאנטיש די קידוש־השם אותיות :
אלע מענטשנקינדער — איין משפחה־פארבאנד;
גאנצער כדור־הארץ, מיט אלע פעלקער,
איין שלומדיק, איין רחבותדיק גרויס פאטערלאנד !

אויפהערן אויף דער גארער וועלט קנאה־שנאה,
קריג צווישן פלאק און פאלק — די אייביקע בלוט־שאנד !
ווי די פרישע פרילינג־זון אין דער מארגן־שעה
אויפשיינען מיט שלום דער מענטשלעכער פארשטאנד.

פול איז שוין די גאנצע ערד מיט אומשולדיק בלוט —
א פולער כוס, וואס איבערגייט איבערן ראנד !
און אין ציל צו טרעפן, צו טויטן, צו מארדן,
די פיילנבויגנס זיי זענען נאך אלץ געשפאנט.

און די געווערן אצינד, דאס כלי־זין שוין,
איין גרויסן תל צו מאכן פון אלץ מיט אנאנד,
אז קיין שריד־ופליט נישט איבערבלייבן
פונם גאנצן מענטשלעכן זינדיקן באשטאנד.

דער וועג פון פיילנבויגן ביז אטאם־וואפן — —
דער מהלך פון גאטס ווארט ביזגל פראפאגאנד !
רעגנבויגן — אז מענטשלעך בלוט נישט מער רינט,
אין דונער און בליץ די שטיינגעבליבענע וואנט.

איז דאך דער הר־המוריה דא, וואו אברהם
זיין געליבט איינציק קינד געפירט צום אפערבראנד,
און גאטס מלאך־שליח זיך באוויזן האט
„אל תשלח ידך !״ — נישט טויטן זאל מער דיין האנט.

מאיר באגדאנסקי

## צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

צו באנעמען די גרויסקייט און די העלדישקייט פון די אנטיילנעמער אין די אויפשטאנדן, סיי אין ווארשעווער געטא און סיי אין אלע אנדערע געטאס און קאנצענטראציע לאגערן; צו באנעמען די קדושה צו וועלכע זיי האבן זיך דערהויבן איז פאר קיינעם נישט מעגלעך. קיין ביישפיל פון עפעס ענלעכעס אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז נישט פאראן.

פונקט ווי עס איז נישט פאראן קיין ביישפיל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט פון די מעשים תעתועים וואס די נאציס האבן אפגעטון. מיר ווייסן וועגן ברוטאלע אקטן וואס עס זיינען אפגעטון געווארן דורך אנפאלער און באצווינגער לגבי זייערע קרבנות, אבער דאס איז, לכל הפחות, אפגעטון געווארן בעת מלחמה אקציעס — כאטש אויך פאר דעם איז נישט געווען קיין בארעכטיקונג. אבער, אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן איז דאך די לאגע געווען א גאנץ אנדערע. אהין האבן די נאציס פארשפארט מיליאנען מענטשן: פרויען, מענער, אלטער לייט און קינדער — **א גאנצן מיליאן קינדער** — מיטן איינציקן ציל כדי זיי אומצובריינגען צוליב וואנזיניקייט אליין, בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן, אדער ציגיינער. יא, מען מעג און מען דארף די ציגיינער אויך דערמאנען. אויך זיי האבן געטיילט דעם זעלבן גורל וואס די יידן. נאר דערפאר וואס זייער צאל איז געווען קליינטשיק און דערפאר וואס דורך זייער אופן פון לעבן זיינען זיי געווען צוממיינסטן אנאלפאבעטיש, ווערן זיי כמעט דורך קיינעם נישט דערמאנט.

אפגעשלאסן, הערמעטיש, פון דער וועלט, ארומגערינגלט מיט געטא מויערן דורך וועלכע מען האט זיך געקענט ארויסקריגן נאר אויב מען האט געקענט אונטער זיי אויסגראבן זיך א לאך און דערביי נישט ווערן דערשאסן, איז מען אין משך פון איבער דריי יאר געשטארבן מאסנווייז פון הונגער, קעלט און אלערליי קרענקן און פון דערשיסונגען, וועלכע זיינען נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. מכל שכן נאך אין די קאנצענטראציע לאגערן, וועלכע זיינען געווען פאבריקן פון טויט, בלויז פאר דעם צוועק אויפגעשטעלט. און אויסער די מויערן פון די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן — א וועלט וועלכע האט זיך פארשפארט הינטער א מויער פון טויבקייט צו די תחנונים פון די געליטענע; נישט געגלויבט זייער שליח דעם קדוש ארטור זיגלבוים ווען ער האט דערציילט וועגן די מעשים תעתועים פון די נאציס לגבי די יידן.

און אין אזעלכע באדינגונגען האבן הייפלעך יידן באוויזן, שעור נישט מיט ליידיקע הענט, זיך אנטקעגן צו שטעלן אזא ריזיקער ארמיי ווי די נאציס זיינען געווען און א באוואפנטן ווידערשטאנד און אפילו צו פאראורזאכן זיי היבשע קרבנות. און די יידן זיינען געווען די איינציקע פון דעם מין אויפשטענדלער: קיין שום אנדער פאלק וואס איז געווען אונטער דעם דייטשן יאך האט קיין באוואפנטן אויפשטאנד נישט אדורכגעפירט, אחוץ די פאליאקן און אין ווארשע. אבער וואס פאר א פארגלייך? זיי האבן געהאט הינטער זיך א רעגירונג מיט געלט. זיי האט מען צוגעשטעלט געווער לרוב. זייערע סאלדאטן זיינען הינטער קיין געטא מויערן נישט געווען פארשפארט, נישט אויסגעהונגערט יארן נאכאנאנד. און דאך האט זייער איין און איינציקער אויפשטאנד, לגבי צענטליקער אויפשטאנדן פון די יידן, געדויערט בלויז א וואך אדער צוויי לענגער ווי דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא; און אנגעהויבן האט ער זיך ערשט דאן ווען די רוסישע ארמיי איז שוין געשטאנען ביי די טויערן פון ווארשע און זיי האבן געהאפט צו באקומען פון ווארשע די אונטער־



שטיצונג פון די רוסן. די היינטיקע מושלים פון פוילן האבן לעצטנס זיך דערלויבט אויף א נידערטרעכטיקייט: זיי גיבן אן אז דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא האבן גאר אדורכגעפירט פאליאקן, ספעציעל אריינגעשיקטע אין געטא(?!) און א פאר יידן האבן זיי דערין בלויז צוגעהאלפן. — אבער דאס איז בלויז דרך אגב.

מיר די דירעקטע אבלים, פאר אונז איז דער יארטאג פונעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא דער טאג אין וועלכן מיר גיבן אפ כבוד די קעמפער פון אלע געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. דער דאזיקער טאג איז פאר אונז אויך די סימבאלישע יארצייט נאך אונזערע טאטעס און מאמעס, אונזערע פרויען, מענער און קינדער, אלע אונזערע משפחה מענטשן, אלע אונזערע פריינט און שכנים, אלע זעקס מיליאן יידן, וועלכע זיינען דורך די נאציס אומגעבראכט געווארן.

ניין און צוואנציק יאר זיינען שוין פארביי זינט יענע צייט, אבער אזויווי ווונדן זיינען נאך אלץ אפן. אונזער צער איז נאך אלץ נישט פארמינערט געווארן. טאג און נאכט שטייען זיי פאר אונזערע אויגן און גייען קיינמאל נישט ארויס פון אונזער זכרון.

אין דעם זכרון פון זיי, פונקט אזוי ווי פון די שוידערלעכע טאטן וועלכע די דייטשן זיינען לגבי זיי באגאנגען, מוז מען אונטערהאלטן אויך פאר די קומענדיקע דורות — יידן ווי נישט יידן. דערציילן זיי צו וואס פארא מאראלישע דעגענעראציע וואנזיניקייט און אומבאגרונדעטע שנאה קען דערפירן.

מיר יידן, וועלכע שטרעבן אויפצוהאלטן אונזער נאציאנאלע אייגנארטיקייט קענען בלויז האפן צו זיין אומשטאנד דאס צו טון אין א וועלט פון טאלעראנץ, פון הארמאנישן צוזאמענלעבן פון פעלקער און שלום. דאס מוז זיין דער ציל פון נישט פארגעסן די מעשים תעתועים וואס זיינען אפגעטון געווארן לגבי די וועמענס אנדענק מיר ערן דא היינט.

אסתר ערלעכמאן

## 1943, דער 19-טער אפריל, 1972

מיט 29 יאר צוריק אין דער פסח נאכט, האט אין ווארשעווער געטא אפגעהילכט דער ערשטער שאס, פון העלדישן ווידערשטאנד, געגן די דייטשע מערדער, ווען א רעשטל סקעלעטן, הונגעריקע פארקלעמטע, און אויסזיכטן צו בלייבן לעבן, זיינען די געטא קעמפער, ארויס מיט געביילטע פויסטן, געגן א שטארק באוואפנטער, זאטער, אויסגערוהטער, ארמיי! דער גייסט פון זעלבסטווירדע, האט זיך געראנגלט מיט דער רויב חיה, און מענטשן געשטאלט. אין דער דאזיקער פרילינג נאכט, פון 19טן אפריל 1943: יענע אויסטערלישע, פרילינג נאכט, וועט בלייבן אויף אייביק, איינגעקרייצט, מיט גאלדענע אותיות, אין דער געשיכטע, ווי די עפאפעע פון יידישן גבור. וואס האט געגעבן דעם ליכט סיגנאל, אויפן בארג פון טרויער, און פיין.

מיר האבן שוין ליידער א גרויסן חורבן ליטעראטור, פון יידישן פאלק, מיר לייענען, און לייענען, און קענען ניט דערגיין צום גרונט, פון דער נאצישער רציחה אפט מיינען מיר, אז מייר ווייסן שוין דאס שרעקליכסטע, דאס גרויליקסטע, אז עס קאן גאר ניט זיין קיין אויפשוידערליכסטע. אבער באלד קומט אונז פאר די אויגן א נייע באשרייבונג וואס דעקט אויף מער, און מער, אומגלויביקע פאקטן. פון דער דייטשער, גרויזאמקייט, מיר דערוויסן זיך פון א בריוו, וואס חיים ליבערמאן האט דערהאלטן פון הרב שכבי פון באלטימאר! אין דעם בריוו זאגט זיך פאלגנדעס, ביי מיר איז היינט געווען צו גאסט, הרב הערשל רובין, וואס איז דורך א צופאל לעבן געבליבן, און איז געקומען אין באלטימאר, ער האט דורכגעמאכט עטליכע נאצי גהינמס! פאר אים אין די אויגן האבן די בלוט דארשטיקע נאציס אומגעבראכט זיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער, זיין פרוי, זיין קינד, און זיין גאנצע פאמיליע, פון עטליכע און אכציק מענטשן. און ער איז פארבליבן איינער אליין.

ער האט דערציילט וועגן צוויי פון זיינע שרעקליכסטע איבערלעבונגען. די ערשטע איז! ווען די מערדער האבן אריינגעווארפן אין טייך דאנאוי, ביי בודאפעסט, עטליכע הונדערט יידן, דאס איז געווען אין א זונטיק: און צוויי טעג שפעטער, האבן זיי געכאפט נאך הונדערטער, און זיי אריינגעווארפן, אין דעם זעלבן טייך, צווישן די קרבנות איז געווען איין מיטליעריקע פרוי, וואס האט שטארק געקעמפט און וואסער ווילנדיק זיך ראטעווען האט זי זיך אין עפעס אנגעכאפט, און האלטנדיק זיך אן דעם עפעס איז זי צוגעשווימען צום ברעג, און ווען זי איז געקומען צו זיך, האט זי דערזען אז זי האט זיך אנגעהאלטן אין איר טאכטערס האנט, וואס איז אריינגעווארפן געווארן אין טייך מיט 3 טעג פריער, זי האט באערדיקט איר טאכטער נעבן טייך, און אליין האט זי זיך אויסבאהאלטן ביי א קריסט, וואס האט איר געהאלטן ניט פאר רחמנות נאר אויס מורא פאר דער טויטער טאכטער וואס האט געראטעוועט איר מאמע, פון דערטרונקען ווערן, דער פרומער קריסט האט געזען ג אטס האנט אין דעם.. די פרוי לעבט, און געפינט זיך אין בודאפעסט.

און אט איז די צווייטע שרעקליכע איבערלעבונג וואס דער רב האט אליין געזען אין אוישוויץ!

א גרופע עס־עס לייט, האבן אויסגעקליבן פון א טראנספארט א זייער שיינע פרוי, מיט איר שיינער צוויי יעריקער מיידעלע, איינע פון די נאציע מערדער, האט זיך אוועקגעזעצט און אוועקגעשטעלט די אומגליקליכע מאמע נעבן זיך, ער האט רוהיג אויסגעשפרייט א ציראטע אויף זיינע הויזן, און גענומען דאס קינד אויפן שויס, ער האט רוהיג ארויסגענומען פון זיין זאק, ברויט, קעז, פוטער, און וורשט, האט געמאכט סענדוויטש און גענומען פרעסן! הרב רובין און די אנדערע יידן וואס זיינען געווען געצוונגען דאס צו בייווינען האבן געמיינט אז דער מערדער וועט דאך געבן עפעס צו עסן דעם הונגעריקן קינד, אייך די מאמע האט אזוי געהאפט. פלוצלינג האט דער רוצח ארויסגענומען פון זיין זאק, א שארפן העקל און געגעבן א האק דעם קינד איבערן



קעפל, דאס בלוט האט געגעבן א שפריץ אויף זיין סענדוויטש, און דער מערדער האט מיט פרייד אזאג געטאן, ווען יידן בלוט באנעצט דאס ברויט שמעקט דאס נאך בעסער צום עסן. די אומגליקליכע מוטער איז אויפן ארט אראפ פון זינען און זיך ווילד געווארפן אויפן רוצח. די אנדערע נאציס וואס זיינען דערביי געווען האבן זיך אמוזירט פון דער סצענע, און האבן די אומגליקלעכע געווארפן אויף דער ערד און זי צוטראטן מיט זייערע שטיוול, און דער ערשטער מערדער האט רוהיג פארגעזעצט זיין פרעסן, און האט געשניטן אברים פון דעם קינד, און געווארפן אויף די עטליכע, האלב טויטע, פארשטיינערטע יידן. גוט האט געטאן דער גרויליקער מערדער וואס האט באדעקט זיינע הויזן מיט א ציראטע, געדעכט איז ער געווען, ווייל הייליק קינדעריש בלוט, טאר ניט בארירן אזא ווילדן נאצישן חזיר!

און היינט דערמאנענדיק אונזער גרויסן חורבן וואס די געשיכטע ווייס נאך ניט פון אזעלכן, זאלן מיר ניט וויינען, און ניט שרייען, ווייל עס איז ניט פאראן אזא געוויין און געשריי, ווי טונקען ברויט אין א קינדס בלוט, און אנטקעגן אזעלכע גרויליקע רציחות, שטייען מיר ווי געפלעפט, און פרעגן, ווי איז דאס מעגליך געווען אז א פאלק איז פלוצלינג פארוואנדלט געווארן אין שרעקליכע חיות, וואס גייען אויף צוויי פיס און טראגן דעם נאמען מענטש. און אין אנבליק פון אונזער גרויסן חורבן, און וויסנדיק מיט וואס פאר א ראפינירטקייט זיי האבן אויסגעפירט דעם מארד איבער די זעקס מיליאן יידן. די גאז קאמערן, די קרעמאטאריעס, באבי יאר, דער פאנאר, און אנדערע, קומט אונז אויפן געדיינק ביאליקס פאעמע, די שחיטה שטאט, נאך דעם קעשינאווער פאגראם, ווי ער זאגט פון שטאל און אייזן שמיד אויס א הארץ, טראכט איך אז מיר די לעבנגעבליבענע האבן הערצער שטארקער פון שטאל און אייזן ווייל דער קעשינאווער פאגראם און אלע פאגראמען אויף יידן ווערן פארבלאסט אין פארגלייך מיט דעם פאגראם אויף זעקס מיליאן.

און די העלדישע קעמפער פון ווארשעווער און אנדערע געטאס האבן דאס געוווסט, און ניט גערעכנט צו בלייבן לעבן, אבער קעמפן, און אזוי האבן זיי געגעבן זייערע ווערטפולע לעבנס פארן כבוד פון יידישן פאלק. און יאר איין און יאר אויס וועלן מיר זיי דערמאנען מיט געבויגענע קעפ. וועלן מיר זיי באערן אייביקער רום אונזערע גבורים.

עלא זילבערג

## ניט פאר מיר די בלומען בליען...

ניט פאר מיר די בלומען בליען,
ניט פאר מיר די זון איצט שיינט,
גרויער הימל, וויסטער גארטן,
נאר דער ווינט, פאראומעט וויינט.

ניט פאר מיר געדעקטע טישן,
ניט פאר מיר משפחה פריינט,
טריבע שטילקייט, איינזאם לעבן,
ניט קיין מארגן, ניט קיין היינט.

נאר דער נעכטן ברענגט נאך פריידן,
ווען זכרונות לעבן אויף,
דאמאלט ווערט דאס לעבן זיסער,
און מיך שרעקט ניט מער דער סוף.

## „פענסיאנערן"

פארגעסן פון אלע,
זי לעבט דא אליין,
נאר די פיר ווענט פון צימער,
הערן צו איר געוויין.
די וועלט ארום איר,
ווי א צירקוס זיך דרייט,
די מענטשן ווי זאמד,
אויף די גאסן צושפרייט.

ווער וואלט עס גלויבן ?
ווער קען עס פארשטיין ?
וואס עס מיינט אויף דער עלטער,
צו בלייבן אליין.
פאר קיינעם ניט נייטיג,
פאר יעדן א לאסט,
אפילו פאר קינדער,
א לעסטיגער גאסט.

צו וואס דען די תפילות,
פאר יארן א סאך,
ווער האט זיי נייטיג
ס׳איז אן איבעריקע זאך.
פיל בעסער צו לעבן,
א קירצערע צייט,
מיט כבוד און ליבע,
צוגלייך אלע לייט.

גענייסן דעם פרילינג
און לערנען פארשטיין,
אז קורץ איז דער זומער,
עס מוז באלד פארגיין.



## פאר שטענצל צו דעם 75טן געבורטסטאג

א פאכמאן מען ווערט נישט געבארן,
א פאכמאן מוז לערנען זיין פאך,
מיט מי, מיט געדולד און מיט יארן,
דערגרייכן קען מען א סאך.

דער אקטיאר, דער זינגער, דער מאלער,
דער מוזיקער און דער פאעט,
זיי ווערן געבארן מיט פליגלען,
פון הימל מיט שיינקייט באגלעט.

זיי גיבן דער וועלט א נשמה,
פארצירן דעם גוף מיט א שטראל,
זיי רייניקן אפ אלע פלעקן,
פארזיסן דעם ביטערן גורל.

די וועלט מוז דערקענען דעם קינסטלער,
וואס גיט זיין נשמה אוועק,
צו דערלייזן צו מענטשהייט פון יאוש,
צו ווייזן א ברייטערן וועג.

מיר זיינען שולדיק דעם קינסטלער,
וואס באשיינט אונז מיט אייביקער ליכט,
און העלפט אונז דערגרייכן דעם אמת,
אין וואס עס באשטייט אונזער פליכט.

א. נ. שטענצל

## אילוזיעס, אילוזיעס...

3

די פארטייאישע אונטערשידן אויף דער יידישער גאס האבן זיך אויך גענומען אויסקלארן; די קאפעע־דיסקוסיעס האבן ביי אונז אביסל לענגער געדויערט, אבער עס האט געמוזט קומען צום „וכל עורב למינהו"; ווי שטייט עס דארטן שוין אין די ערשטע פסוקים: און עס האט גענומען קלאר ווערן צווישן די הימלען, צווישן יענע וואס איבער די וואסערן און די, וואס אונטער די וואסערן . . .

אלכסנדר כאשין האט זיך גענומען אפטער באווייזן אין „יידישן קולטור־פאריין", אין די יידישע געסלעך וואו עס האט זיך געטומלט אינעווייניק, נישט ווייניקער ווי אינדרויסן אין די גאסן פון מזרח־בערלין — די חברות אין די כלערליי ברוינע און שווארצע העמדלעך.

טיילמאל איז ער געקומען אין דער באגלייטונג פון דוד בערגעלסאן. ער

האט אים, דודן געוואלט ווייזן די מאסע . . .

דאס מאל האב איך זיי דווקא געטראפן אין „שלום־עליכם קלוב“, אין דער גאלענדארף־געגנט פארטיפט אין א כשרן שמועס ביי א גלעזל טיי מיט לימענע — בערגעלסאן האט פשוט נויטיק געהאט א קרבן, אין וועמען ארייצורײדן זײנע שיחת־חולין און כאשין, מיט חריפות, האט אלץ געוואוסט צוצופירן צו זיין קלארן שטאנדפונקט . . .

כאשין האט זיך גענומען איילן אוועקצולויפן: ער מוז גיין אפנעמען אברהם רייזינען פונם צוג, אויף זיין דורכרייזע קיין מאסקווע בלייבט ער דא איניקע טעג אין בערלין.

„איך בין אין דער גוטער לאגע נישט צו קאנען זיין אויפן באנקעט לכבוד דעם גאסט“, האט שוין בערגעלסאן איך מיר אריינגערעדט, ווייטער ציענדיק דעם שמועס. „איך פאר אפ מארגן אויף א טור לעקציעס אין מזרח אייראפע“.

ער האט מיך שארף אנגעקוקט מיט א „כע־כע“־שמייכעלע — צי איך בין עס טאקע מיט וועם ער רעדט — און געצויגן דעם זאץ פון אים א הנאה צו האבן, ווי פונם זופ זיסע לימענע־טיי, מיט וועלכן ער פארטרינקט אים, דעם זאץ, און אים אזוי פאראפראזירט, אז דער מיטשמועסער זאל אויך א הנאה האבן: „פאר איך איז רייזין מסתם, א פראזאאיקער און פאר מיר איז ער א פאעט“. . .

„זייט מוחל, אין זיין תמימותדיקן פאלקסטימלעכן אופן איז ער דווקא בײדע. איר זעט דאך מ׳רופט אים ארויס קיין מאסקווע.“

„און אז מ׳רופט, מוז מען שוין פארן? מ׳רופט מיך אויך“.

„איר זאגט דאך, אז איר פארט מארגן אויף א סעריע לעקציעס“.

„שטענצל!“ איבערהאקט ער אינמיטן מיין זאץ, „איר טאפט שוין צופיל“. .

בערגעלסאן איז שוין דעמלט געווען גאנץ אונטער כאשינס השפעה, אבער ער האט זיך נאך געאמפערט פון זיינע הענט ווי א יינגל, וואס מ׳שלעפט עס אין חדר אריין און עס רייסט זיך פון בעלפערס הענט.

דער שמועס האט זיך נישט מער געקלעבט. עפעס האט ער געפילט, אז ער האט זיך אין איין זייט צופיל, און אין איין זייט צו שארף, מיט אן איבריק ווארט ארויסגעכאפט.

ביים געזעגענען זיך האב איך אלץ נישט אפגעלאזט: „איר זעט, ס׳איז זה יוצא וזה נכנס“ — אן אפשפיגלונג אויף „צדיק יוצא מן העיר“: „איר פארט אוועק און אברהם רייזין קומט אנצופארן“.

„מיר וועלן שוין פארענדיקן ביים צוריקקומען, יעצט מוז איך גיין פאקן דעם טשעמאדאן“.

איך האב מיך געלאזט, א הייטערער, א פרייליכער, איבער די בערלינער גאסן אראפ אין דער יידישער געגנט אריין געוואויער צו ווערן אין קולטור־פאריין מכוח דעם באנקעט — פאר מיר איז ער געווען איינער פון די דריי: אש, נאמבערג, רייזין! טאקע נישט קיין פוילישער, אבער אן אייגענער. אפשר מער נאך פון זיי — דאס דירעקטע! די גאלע פשטות.



אין „קולטור־פאריין“ האט עס געקאכט: מאסקווע, רייזין — באנקעט! מ׳האט זיך געגרייט ווי מחותנים, אויב נישט צו א חתונה איז ווי צו תנאים צו א קנס־מאל — צו טעלער־ברעכן! . . .

ווען איך בין געקומען, זונטאג אין אוונט, צום באנקעט, זענען געשטאנען צוויי חברים־שומרים ביי דער טיר — מ׳האט אריינגעלאזט נאר מיטגלידער.

כאשין האט מיך דערזען, געהערט מיין האמפערן זיך ביי דער טיר, האט ער מיר געגעבן א וואונק מיט זיין חריפיש אויג צום פענסטער — ער האט עס פלינק געעפנט און איך בין נאך פלינקערער אריין.

די צימערן זענען געווען פול, די טישן געדעקט כיד המלך — מיט גע־האקטע הערינגגן! אזוי, אז דער ליטוואק אין רייזינען האט געשטראלט.

די רעדעס זענען געהאלטן געווארן העכסטן גראד! א גלעזל וואדקא האט ביים טיש אויך נישט געפעלט.

בשעת דער דיסקוסיע, ווען חברים האבן געפאדערט פארוואס ער שרייבט נישט פונם פראלעטארישן לעבן, נאר רק תמיד פונם שטעטלשן, קלײנבירגער־לעכן . . . „וואו איז דער נייער טאן פון דער רעוואלוציע אין זיינע לידער“? „אפשר איז עס דער ארעמער ישיבה־בחור, דער הונגעריקער טעג־עסער“? האב איך געזען ווי זיין צעשטראלט פנים פארציט זיך אלץ מער מיט טרויער, ווי זיינע אויגן ווערן אלץ קלענער. האב איך מיך געמאלדן צום ווארט.

ביים אויבנאן האט מען זיך געקווענקלט! איך האב נישט געווארט און בין ארויס „מיט לשון“ — נישט ווייל כ׳בין געזעסן הינטן פארשטעקט און מ׳זאל מיך הערן — די פרייד מיינע צו שטיין רייזינען פנים אל פנים, און טאקע די שטימונג זיינע צוריק אויפצוהייטערן.

„ווי סמייעט עס א שוסטער־יונג ריידן צו רייזן, אין אזא לשון, צו אונזער גרויסן פאעט אברהם רייזין? וואס וואלט ער דען, דער הארעפאשניק, געווען אן רייזינס „העמערל, העמערל קלאפ?“ וואס וואלט אונזער גאנצער מישטיינס־געזאגטער פראלעטאריאט געווען אן זיין געוואלטיק רעוואלוציאנער ליד ‚די וואנט‘?“

דער פארזיצער, דער געוועזענער קוילן־גרעבער אין רוהר־געביט, דער יעצטיקער מארק־שטייער מיט ווייבערשע מייטקעס, — דער שותף פון „מיין“ לינקן פועלי־ציון, וועלכן מ׳האט מסתם אויך נישט אריינגעלאזן צום באנקעט, — האט געמוזט האמעווען די פאר שרייערס.

„יא, איך וועל׳ס מאכן בקיצור: אז וואס איז דען דער ‚מאי קא משמע לן‘, אויב נישט א פראלעטאריש ליד? פארן הארעפאשנעם, פראסטן ייד איז דער עולם־הבא נישט ווייניקער ממשותדיק ווי זיין ארעם, בידנע וועלטל. און דער ארעמער ישיבה־בחור פאר זיין ‚טאג׳־עסן ארבעט אים טאקע אויס א פלאץ אין גן־עדן“.

עס איז געווען א געדריקטע שטילקייט ווען כ׳האב געענדיקט. איין פאר הענט האב איך געהערט אפלאדירן און דאס זענען געווען — רייזינס! ער האט זיך אבער שנעל געכאפט און איז שטיל געווארן . . . זיין פנים האט

אבער נישט אויפגעהערט צו שטראלן.

ווען דער עולם האט זיך אויפגעהויבן פון טיש, האב איך זיך גענומען גרייטן צוצוגיין צו אים און אים באגריסן. אין געדרענג און טומל שפיר איך א האנט אויף מיין פלייצע. איך דריי מיך אום — ס׳איז רייזין:

„אויב איר זייט סטענצל, קאן איך דאך אייך פון אייערע לידער און „צוקונפט“, פון אייער שטיק פראזע אין ׳מארגן־זשורנאל׳. למען השם דרייט זיך נישט אוועק. לאמיך נאר דא פטור ווערן, וועט איר מיך באגלייטן צום האטעל. איך האב אייך צו ווייזן עפעס אזוינס, גאר וויכטיקס“.

ווען מ׳איז אריין. אין האטעל־צימער איז ער שנעל צו צו זיין קאפער און ארויסגענומען א ספר — איך האב געמיינט ס׳איז א לעצטע אויסגאבע פון זיינע לידער און אפשר וויל ער עס מיר געבן א מתנה — ס׳איז געווען דער תנ״ך: „איר זעט, דאס נעם איך מיט קיין מאסקווע“.

ער האט א וויילע געקוקט אין א זייט און דערנאך מיך טרויעריק באטראכט: „איר זייט פונקט ווי איך, נאר אייך פעלט נאך א שטיקעלע. אבער אויף דעם פיצעלע, ווי שווער מוז מען הארעווען!“

איך האב אים אנגעקוקט מיט א „מאי קא משמע לן“־קוק.

„הערט, איך פאר אפ מארגן פרי, און נאך אפאר שעה . . . בלייבט שוין ביז צום צוג. איך האב א שלאף־וואגאן גענומען. וועל איך האבן צייט מיך אויסצושלאפן ביז מאסקווע.“

איך האב אלץ נאך געקוקט מיט מיין „מאי קא משמע לן“־בליק אויף אים.

„סטענצל, איך קען אייער בוך ׳און דו ביסט ג־אט׳, אבער נישט אצינד איז די צייט הערפאר . . . איצט קומט אראפ און ווייזט מיר אייער באקעט בערלין. איך וויל קומען קיין מאסקווע מיט א רואיקן קאפ“.

נאך דער נישט־פארשלאפענער נאכט האב איך אים געברענגט צום צוג. ער האט זיך געלייגט אינם שלאף־וואגאן, וואס גייט דירעקט בערלין־מאסקווע, און איך בין דירעקט געגאנגען צו מיין בית־הקברות . . .

ניין, איך בין נישט געווען פארשלאפן. איך האב געהאט אסך נאכצוטראכטן.

אזוי דירעקט מיט א שרייבער, וואס איך האב ארויפגעקוקט צו אים, בין איך נאך נישט געווען — תמיד האב איך געזוכט צו באהאלטן דאס שטיקל דיסטאנץ . . . צו זען נאר דאס העכערע אין אים.

דאס אדורכשטאמפן היינט די קברים — דעם יסודו מעפר! — כדי די שווערע גראניט־מצבות מיט די גאלדענע אותיות זאלן זיך האלטן, איז מיר היינט שווער אנגעקומען . . .

אבער אז ג־אט באשערט, באשערט ער אלץ אויף איין מאל און ווי שטארק מען מיינט מען איז, ברעכט מען סוף כל סוף איין.

דער טאג האט זיך לאנג געצויגן, אבער סוף כל סוף איז ער מיט זיך פארטיק געווארן . . . איך קום ארויס פון טויער א טויט־פארמאטערטער און וויל לויפן עפעס איבערכאפן און מיך ווארפן אין בעט אריין, שטייט פארן



טויער די לאסקע־שילער מיט אן אויסזעען פון צען טויטע.

איך לויף צו איר צו א דערשראקענער!

„האמיד, איך האב געזען איין ענגל“.

איך קוק זי אן. דאס מאל איז עס אן אמת — זי זעט אויס נישט פון דער וועלט . .

„קום דאך מיט מיר דא אריין אין א רעסטאראנדל. איך מוז עפעס עסן, בין טויט־הונגעריק“.

„יא, מיין פאול, מיין פאולכען ליגט אין שטערבן. איך מוז הויטע נאכט נאך דער שווייץ אים ברענגען. ער וויל היר שטערבן. זיין לעצטער ווילן“.

פאול איז א טאלאנטירטער צייכנער! וויאזוי זי האט אים אדורכגעשלעפט ביז איצט, ביי זייער ביידנס ארט לעבן? א לעמפערט, וואס ראטעוועט זיין לעמפערטל . . . צווישן לאווא און ערדציטערניש און ווילדע דזשונגל און חיות ארום — זי טראגט עס צווישן די ציין . . .

„געפאקט און געמאזלט“ און איצט נאך די שווערע מלחמה־יארן, ווען ער האט שוין גענומען שטיין אויף די פיס, ליגט ער אין שטארבן אויף סוכאטעס אין א סאנאטאריום.

„ווי קאן איך מיט דיר מיטפארן? איך בין דאך אן אויסלענדער אן א פאס. און וואוהין וועסטו אים ברענגען, אין קאשעל־האטעל אין דיין צימערכען?“

„יא, יא,“ זי האט גארנישט געטראכט דערפון . . . יא, יא, האמיד וואס מאכט מאן? עס איסט בלאז זיין לעצטער ווילן!“

עס איז באשלאסן געווארן: ביי יוזוף אבו אין אטעליער ארייצושטעלן א בעט. עס האנדלט זיך דאך נאר אויף איניקע טעג.

ווען איך בין אהיימגעקומען, דעם צווייטן פרימארגן פון באגלייטן זי צום צוג, בין איך שוין נישט פעאיק געווען, נישט פיזיש און נישט פסיכיש, צו גיין צו דער ארבעט. וויפל טעפעלעך שווארצע קאווע נישט ארייגעגאסן אין מיר, בין איך אהיימגעקומען א וואקלדיקער און ממש ארייגעפאלן אין בעט אריין א געהרגעטער.

אין דריטן טאג, ווען איך בין אויפגעשטאנען, בין איך אהין צו אבו אין אטעליע אריין, איז פאול געלעגן אין גרויסן הימל־בעט, שוין א גוססער און זי איז געשטאנען הינטער דער פארהאנג א פארגליווערטע.

קאפעע־פריינט קאלעגן, זענען געקומען. מ׳האט זי אוועקגענומען ממש א טויטע. מיטן מת האבן זיך מטפל געווען חברה־קדישא.

צומארגנס, קומענדיק צו דער לוויה, דערזעענדיק די עלעגאנטע טרויער־געזעלשאפט אין שווארצן און זי א געשלייערטע אין די אבל־קליידער — ממש א דראטענע מאניקין, וואס שטייט אויפן קורפירשטנדאם אין א שוי־פענסטער, האב איך פארביסן א ליפ ביז וויטאק נישט היסטעריש אויפצולאכן. איך בין געבליבן שטיין אין מיינע בגדים פון דער זייט נישט מחלל־צו־זיין דאס פייערלעכע — איך האב געבלאנדזשעט מיט די אויגן אין אלע זייטן און האב זי אבער דאך כסדר געזעען:

זי איז נישט געגאנגען אין דעם שווארצן מארש, געפירט אונטערן ארעם פון צוויי דאמען, זי איז געטראגן געווארן א לאגל־טרעגן, וואס ווערט פולער און פולער ביז צום אויספלאצן — ער פלאצט אבער נישט אויף.

עס איז שוין געווען נאך דעם גאנצן „שפיל". דער דייטשמערישער, פאר־גוישטער „גאטעסדינסט" האט מיך אינגאנצן פריטשמעליעט . . .

ביים מנחם־אבל־זיין, צוגייענדיק צו איר אין דער שורה, האב איך זי געזעען נאך אלץ אין דער זעלבער פארגליווערונג ווי מיט א וואך צוריק פארן בית־הקברות, ווארטנדיק אויף מיר:

„האמיד, איך האב געזעען אייך ענגעל".

איך האב איר געגעבן אזא דריק אין דער האנט, אז א טויטער האט געקענט אויפוואכן. דער גלאזערנער בליק אונטער שווארצן שלייער האט ווילד געפונקלט.

אין דאמע האט איר געהאלפן זיך אויפשטעלן. איך האב זי אנגענומען אונטערן אנדערן ארעם ביים ארויסגיין פון בית־החיים. איך קוק זי שארף אן און מיין ריידן קומט ארויס נאך שארפער:

„גאט האט דיר פארגענט צו דערלעבן טאט און דו, און דו — —"

איך האב דעם זאץ נישט פארענדיקט מיט מיין גאנצער „גבורה" ווי א מתים־שטאמפער, ווי א גאנצער בן־בית מיטן טויט, האב איך דאך מורא געהאט, אז איך וועל ארויספלאצן מיט א געשליאכץ, וואס וואלט לגמרי נישט אריינגעפאסט אין דער שווארץ־פארשלייערטע זיידענע צערמאניע.

איך האב נאך קיין מאל געזעען ווי איר אויג האט ווילד אויפגעפונקלט און איך האב מיך פלינק נאך ווילדער אפגעטראגן.

מאדנע, ס׳איז שוין קרוב א האלב־יארהונדערט זייט דעמלט. און איצט נישט לאנג צוריק האט מיר דר. מאיר גערטנער געוויזן א זאמלונג, וואס איז דערשינען צום הונדערטסטן געבוירן־טאג פון עלזא לאסקער־שילער — א דיק בוך און דאס איינציקע ליד דערין, א לידל פון אפאר שורות, געשריבן צו איר אין שייכות מיט פאולס טויט — מיין נאמען איז איבער דעם ליד. אבער נישט, אז ס׳איז אן איבערזעצט פון יידיש.

ס׳איז פון מיינס א זאמלונג מיטן נאמען „רינג דעס סאטורנס", דערשינען אין בערלין 1930 אין „שטאמפס־פערלאנג". אויפן שער־בלאט שטייט בפירוש איבערזעצט פון יידיש ע. וועהלער.

פון די אלע לידער האב איך קיין איינס נישט.

ווו זיינען אהינגעקומען מיט אלע מיינע כתבים פון יענע יארן?

כמו דאס זעלבע האט מיר שלמה אויערבאך אמאל געוויזן א סעריע מיינע מלחמה־לידער אין העברעאיש איבערזעצט (איבער זיי זאגט זיך כאטש איבערזעצט) פון אברהם שלונסקי מיין נאמען איז איבער זיי געשטאנען, אבער נישט אז זיי זיינען אין ארגינאל געשריבן אין יידיש.

דער מצב פון יידיש איז אזא, אז מען פארשטייט שוין אפילו נישט אז אזוינס טוט וויי . . .



# אז מ׳ווערט פינף און זיבעציק

1

און אויב אויסהאלטן נאך א יאר, נאך א יאר,
צי עד מאה ועשרים דערלעבן גאר,
אז דאס הארץ פילט נישט מער, דער מוח טראכט נישט מער
און אז צומאל יא — מיין ליד צי ברויך נאך ווער?

מיין מוח שוין אזא אויטאמאט אנגעדרייט,
א גראם־„קאמפיוטער" וואס פון אליין שוין גייט —
אז פרעג זשע אים בחרם וואס שוין ער וויל — —
ווי יעדע שעה לעבן — עס מיינט נאך אפיל.

2

ס׳יאגט פון דער ליידיקער שטוב ארויס,
גייט מען אין קאפעע אריין זיצן;
אויסגעטרונקען א טעפעלע טיי,
אויסגעהערט די ביליקע וויצן.

איז אצינד וואוהין זיך לאזן?
ווי לאנגווייליק די טעג זיך ציען!
ערשט די פינסטערע, די מידע נעכט,
די אויגן — פונקען אין אש גליען.

אין חושך אריין זיי קוקן:
לעב איך נאך, בין איך שוין א טויטער?
און אז נאך א טאג ווידער אויפשיינט
א זוניק ליכטיקער און לויטער?

בייטאג, אז ס׳יאגט פון דער שטוב ארויס,
גייט מען אין קאפעע אריין זיצן;
אין די נעכט ווארפט מען זיך אין פיבער
די טעפעלעך טיי אויסצושוויצן.

א, די וויצן מיט די ווייסע בערד —
א קאשמאר וואס האלט אין איין לאכן!
מען מוז שוין בעל־כרחך אויסהאלטן
ביז די אויגן זיך גאנץ צומאכן.

3

אז מען פאלט שוין צולאסט זיך אליין,
טא צו וואס טויג עס שוין אינגאנצן?

מען האט שוין צומאל נישט ווי אמאל
די איינגערעדטע פאלשע שאנסן.

דרייסט דיך ארום א מין עס־מאשין —
וואלט זי נאר נאך פונקציאנירן!
קוקסט אין דיר — א פארהויכטן שפיגל,
דעם געוועזענעם צו קאפירן.

אז מען ווערט פינף און זיבעציק,
ווערט מען נישט נאר שוואכער — אויך שלעכטער!
מ׳האט נישט מער דעם כוח צו פארדעקן
דאס שלעכטע אין זיך — מען ווערט עכטער!

נו, אויב אזוי, לוינט זיך דאך אפשר
א בן־שמונים טאקע צו ווערן,
און אלץ וואס נישט עכט ס׳איז נאך אין מיר,
אפשר דעמלט וועט עס אויפהערן?

4

און אויב ער איז דער לעצטער פרילינג שוין,
מוז איך דאך אים ערשט אויפנעמען אינגאנצן;
א שוואלב — מיין הארץ אים אקעגנפליען,
א זומערפייגעלע — אקעגנטאנצן.

א בין איבער א בלום בלוי־צעבליטער
אלע זאפטן שמעקעדיקע אויסזויגן;
אויב דער לעצטער פרילינג ס׳איז אים זען נאך,
אן שערבלעך, מיט שטערבלעכע אויגן —

מיט טראפעלע בלוי אין מיינע בליקן
טיף פארזינקען אין אין־סופיקן הימל;
אויפצוקנאספן דערמיט איבער דער ערד
א קליינס, א בלויס — א פארגעס־מיך־נישט בלימל.

5

(אין ווייטשעפל פארקל)

די פאראיאריקע וועלק־בלעטער
וואלגערן זיך ארום נאך אין שטויב דא;
שארכן נישט מער, זיי ליגן שטיל — —
אויף שפיץ בוים שוויגט צומאל די שווארצע קרא.

ווי שווער ס׳וויקלען זיך דא צוייג־בלעטלעך,
ערשט א בליטל־צוויטל דינינק און צארט;
די זון ראנגלט זיך אין א וואלקן,
א פונק אונטער אן אש־קופע פארשארט.



סמוטנע, פארבענקטע שטייען די בענק,
א שווערע מרה־שחורה נעמט ארום;
פלוצלינג דאס גאנצע פארקל פול ווערט —
א צעקנאספעטע בלום פול מיט געזשום.

זע, ארויסגעקראכן זיי זענען
ווי די שלענגלעך פון דער פינסטערער ערד,
און נאך איידער א פויגל פליט אן,
הארך, לידער פון מענטשן־מיילער זיך הערט.

די אנגעשורכטע פנימער —
ברודיק־געשטראל ווי ערב־פרילינג זון!
געזשליאקע, געכארכל, געגארגל — —
מיין הארץ צום טאקט הויך זיך צעקלאפט דערפון.

ארויסגעקראכן עס איז פון זיך —
פון פינסטערער ערד — שלענגל ארויסקריכט!
אין מיין פארזונקענער בלאטיקייט
ווי האט עס מיך אזוי זוניק צעאיכט:

צומאל חרוב ס׳וועט ווערן די וועלט,
פרילינגגנדיק צוריק אויפלעבן זי וועט;
קוק אן די צוויי בלויז ווי זיי זיצן
אין הימלישן, אין העכסטן „טעט־א־טעט“ —

צוויי פייגל אויף א נאקעטן בוים,
קנאספן אקארשט געקראכן פון א צווייג!
אן שום הינטערגעדאנק, אן שום בייז —
זייער געזאנג און איצט זייער געשוויג.

6

אין אזעלכע טעג, זון־צעגלאצטע,
צום צעניט צוויט־צעשפראצטע צווייגן;
מ׳הערט ממש מאמע־ערד מינדסט בלימל,
מיט פרישע זאפט זי טוט אנזייגן — —

צומאל א לעצטע שקיעה ס׳קאן זיין,
טאנצנדיק מען גייט איר אקייגן.
און דאס שענסטע ליד, טיפסטע שוין,
אין דער אייביקייט צו פארשווייגן — —

7

זוכה זיין, איינס זיין מיט גאט, אבער מיט דער מאמע ערד,
נישט מסתם א יעדער ווערט; יעדער שוין די זכיה האט.

ווילט זיך זי דערפילן גאנץ,
זי דערשפירן, זי פארשטיין,
און ווילאנג כ׳קאן אויף איר גיין,
מיין גאנג אויף איר, זיין א טאנץ —

א ריטם צו א געזאנג,
א שטיל תפילהדיקע ליב :
גייט דאך אויף, ווען שוין מ׳איז שטויב,
אויף אונז זעטיקדיקע זאנג.

8

אז כ׳האב אזוילאנג דעם זכות געהאט,
צו זינגען ווי פון א נאטן־בלאט,
פון מינדסט בלעטל־בליטל וואס וואקסט אויף א צווייג —
ערשט ווען דערפילן סוד פון געשוויג — — —

## ווען מ׳רעדט שוין צו זיך אליין

1

יעצט, ווען דער שטערן איז א פארמעטער באלד,
די ליניעס אין אים געהעריק שוין געצויגן,
כ׳וואלט מיך געקענט ערשט נעמען צו דער ארבעט — —
נו, נעמען גאר שוואכלעכע ווערן די אויגן.

און דאס נעמלעכע עס איז מיט די פינגער !
נישט גענוג, אז ס׳הארץ דעם משקל אנגעוווגן.

ווי ס׳צאפלט דאס צינגל, אט שטעלט עס זיך אפ,
און איין שאל גאנץ צו דער ערד אראפגעצויגן;
צי קאן מען זיך דען פארלאזן אויף דעראויף,
אז עס הייבט שוין אויך אן נישט ריכטיק צו טויגן.

בלייבט מען זיצן מיט דער פעדער אין דער האנט,
און דערשראקן ווייס אויף טיש — דער פאפיר בויגן.

2

— נאך דעם וואס געשען עס איז מיט אונז,
פארוואס דען בכלל לעבן געבליבן,
אויב נישט מיט ווערטער עס פעסט האלטן ?
אויף דעראויף אפנים אויסגעקליבן . . .

כ׳בין נאך נישט פערטיק, קוים אינמיטן,
נישט אלצדינג שוין עס איז אויפגעשריבן . . .

— און אז טויזנט יאר איך וועל לעבן,
א טויזנטסטל דען קענען פארשרייבן,
פון דעם גרויליקן וואס געשען איז,
אז לדור דורות ס׳זאל איבערבלייבן ?

צומאל ווי ערלעך, ווי געלונגען,
צי וועט דען ווער אזוינס קענען גלייבן ?



## סקערצא

נישט קיין אייניקלעך, קיין אוראייניקלעך,
מילא לאז איך נישט נאך מיר קיינעם,
וועם צו הרגענען, ווער ס׳זאל הרגענען —
כ׳וועל אוועק מיט געוויסן א ריינעם !

און אויב עס איז אמת טאקע, אז מ׳קאן,
ווען מען איז טויט, זיין א גוטער בעטער — —
נו, פאר אזא וועלטל מתפלל צו זיין,
א חילוק, א ביסל פריער צי שפעטער.

וואס כ׳האב בלויז מורא אז כ׳וועל לאנג ציען,
קאן זיך נאך עפעס לעבעדיקס מאכן,
(אין דעם וועלטל, „אין צדיק בארץ״,
איינס נאך ס׳בלייבט, זיך אליין אויסצולאכן.)

מיין מאסקע־פנים איבערצולאזן,
כ׳לאז דאך נישט איבריק קיין נאנטן קיינעם — —
נו, כ׳וועל זי טראגן נאך א ווייל צומאל,
מיט א געוויסן, נישט אזא ריינעם.

## א ליבער יום-טוב : ל״ג בעומר

פון יוסף בן שמעון וויינשטיין

ביי אידן ווערט דעם 18־טן אין חודש אייר, געפייערט דער האלב־אפיציעלער יום־טוב ל״ג לעומר, דער 33־טער טאג פון ציילן ספירה. מ׳קען נישט צוגלייכן ל״ג לעומר צו חנוכה אדער צו פורים, וועלכע זיינען אויך האלב־אפיציעלע וואכענדיקע יום־טובים, אבער זיי, האבן צו דערציילן היסטארישע עפיזאדן וואס זיינען געשען ביי אידן, בעת ל״ג לעומר איז געגרינטעד אויף אגדות און לעגענדעס וואס זיינען פארשפרייט געווארן צווישן פאלק. און ס׳איז באמת ניטא אין דער אידישער געשיכטע, אזא חגיגה ווי ל״ג לעומר, אין וועלכער עס זאל זיין קאנצענטרירט אזויפיל פאלקס־לעגענדעס.

פון רעליגיעזן שטאנדפונקט, האט ל״ג לעומר קיין שום באזונדערע תפילות, ווי אין חנוכה אדער פורים, ווען, ביים דאווענען זאגן מיר „על הנסים״ — חוץ וואס אין ל״ג לעומר קען מען שטעלן חופות, נאכדעם וואס אין די 32 ספירט־טאג — פונעם ערשטן טאג פסח ביז י״ח אייר — טאר מען קיין חתונות נישט פראווען, ווי נאר, ס׳פארשטעט זיך, אין די צוויי טעג ראש חודש אייר.

דאך קען מען נישט זאגן אז ל״ג לעומר איז ניט קיין יום־טוב זאל ער זיין א וואכנדיקער, א לעגענדארער, אבער דאך א יום־טוב. פון אלע היסטארישע פאסירונגען וואס ל״ג לעומר איז ארומבאוועבט, איז כדאי זיך

אפשטעלן אויף אייניקע פון זיי: איין געשעעניש איז פארגעקומען פארן חורבן בית שני, בעת די רוימער האבן פארשפרייט זייער גרויזאמע הערשאפט אויף ישראל. אין יענער צייט האט אונדזער נאציאנאלער גיבור „בר כוכבא" אנגעפירט א קאמף־באוועגונג צו באפרייען דאס לאנד. ביומו האט געלעבט דער בארימטער תנא „רבי עקיבא בן יוסף", וועלכער איז געווען א טרייער אנהענגער פון בר־כוכבא, וועמען ער האט געהאלפן מיט איינשטעלן זיך אין זיינע 24 טויזנט תלמידים אין דעם קאמף קעגן דעם אכזרישן שונא. א גרויסע צאל אידישע קרבנות איז אומגעקומען אין דעם נישט גלייכן קריג. און ווען א וואפן־שטילשטאנד פון איין טאג איז פארגעקומען צווישן די צוויי צדדים, האבן אידן געהאט א מעגליכקייט צו ברענגען זייערע הרוגים — די אידישע קדושים — צו קבורת ישראל — דאס איז פארגעקומען י"ח לחודש אייר: ל"ג לעומר.

אויך ווערט געבראכט אין דער גמרא יבמות ס"ה, אז צווישן רבי עקיבא'ס תלמידים, האט א געוויסע צייט, געהאט געהערשט גרויסע חלוקי דעות, וואס פלעגן פארשאפן שארפע מחלוקת'ן ביז צו געשלעג, וואס האט געבראכט צו שווערע קראנקהייטן און דערגרייכט צו א „מגיפה", און א גרויסע צאל תלמידים זיינען אויסגעשטארבן. אבער די עפידעמיע האט זיך פלוצים אפגעשטעלט! דאס איז געווען ל"ג לעומר.

אין די צייטן פון בר־כוכבא, האט געלעבט — חוץ רבי עקיבא — נאך א באדייטענדער פיגור: דאס איז געווען דער תנא „רבי שמעון בר־יוחאי! אויך ער און זיינע תלמידים האבן זיך ארייגעווארפן אינעם בלוטיקן קאמף קעגן די בארבארישער רוימער. ווען דער תנא האט דערפארן אז די רוימער זוכן אים ארעסטירן, האט ער דערגרייכט זיך אויסבאהאלטן אין א הייל מיט זיין זון אלעזר. די לעגענדע דערציילט אז אין הייל וואו זיי זיינען געזעסן, איז דאן געשעען א נס: דארט איז אויסגעוואקסן א באקסער־בוים (קארוב) און א קוואל פריש וואסער האט גענומען פליסן, און אזוי האבן זיי זיך דערנערט צוועלף יאר. נאך דער צייט, איז דער תנא ארויס פונעם הייל, און דערזען א יעגער אויסשפרייטן א נעץ צו כאפן א פויגל. אין יענעם מאמענט איז דערהערט געווארן א בת־קול אויסרופן: — פרייהייט, פרייהייט! און דער פויגל האט זיך אויפגעהויבן און גלייך אוועקגעפלויגן . . . דער תנא האט פארשטאנען אין דעם א רמז מן השמים: אויב א פויגל קען נישט ווערן געכאפט אן ג‑אט'ס ווילן, א פשיטא שוין א מענטש, און ער איז גלייך אוועק צו זיינע תלמידים: דאס איז געשעען י"ח אייר, 33 טעג אין ספירת העומר.

צו אלע אגדות, קומט אויך א דערקלערונג פון די בעלי המקובלים, אז ל"ג לעומר זאל האבן געווען דער יום פטירה פונעם תנא רבי שמעון בר־יוחאי. די באשטעטיקונג געפינט זיך פארצייכנט דורך די בעלי המקובלים אין „זוהר", וועלכן ספר רבי שמעון איז דער מחבר!

ווי באוואוסט, אין ישראל, פארן אידן, אויף ל"ג לעומר, קיין מירון, לעבן צפת, צום קבר פון רבי שמעון בר־יוחאי: וועגן די קבורה פונם תנא, ווערט



דערמאנט אין בבא מציעא פ"ד. — אין מירון, איז די הזכרה פון רבי שמעון בר־יוחאי געפייערט אויף אן אויסערגעווענלעכן אופן — ווי א „יומא דהילולא" — דורך אנצונדען ליכט — הדלקות — מיט פארברייגען דעם טאג אין טענץ און זמירות: „בר יוחאי, בר יוחאי! נמשחת אשריך, שמן ששון מחבריך"!

אין קאירא, מצרים, — וואו איך האב געלעבט לאנגע יארן, געפינט זיך אינעם ספרדישן געטא, א שוהל אויפן נאמען פון רבי שמעון בר יוחאי: „כנסת בעל הנס", וואו יעדן יאר, ל"ג לעומר, פלעגן אידן פייערן זיין יארטאג דורך פארברייגען אין שיהל, אין די הונדערטער: מענער, פרויען און קינדער, פון פרימארגן ביז שפעט אין דער נאכט, און דאווענען, זינגען זמירות, אנצינדן בוימל, און טאנצן, און יעדן אויסטיילן געבעקס, זיסווארג און געטרענק.

אלס פרעזידענט און גבאי פון דער אשכנזישער שוהל, בין איך יעדן יאר געווען איינגעלאדן צו דער דאזיקער הזכרה — איך וויל דא דערציילן פון א געשעעניש — וואס איך האב בייגעוואוינט — וואס איז פארגעקומען אין שוהל „בעל הנס", אין ל"ג לעומר פון יאר 1957: די מצרישע רעגירונג'ס „רעדיא בראדקאסטינג", האט יענעם ל"ג לעומר, אוונט צייט, געהאט געשיקט א גאנצן טראנספארט אפאראטן און מאשינען אויפצוכאפן די צערעמאניע פון דער פייערונג אין שוהל, און דער רעגירונגס „ספיקער" פון דער בראדקאסטינג, האט איבערגעגעבן אין דער אראבישער שפראך אלעס וואס דארט איז פארגעקומען: דאס זינגען און טענץ פון די מענער, די הילולות און געפילדער פון די ווייבער, די געוואלדן און קוויטשעריי פון די קינדער, הכלל, די פריילעכע שטימונג פונעם עולם — וואס די ראדיא צוהערערע איבערן גאנצן אראבישן אריענט האבן נאכגעפאלגט . . . און דער ספיקער האט צוגעגעבן אז די אידן אין מצרים, האבן נאך קיינמאל ניט געלעבט אזוי פריי, רוהיק און צופרידן, ממש גליקלעך, ווי אונטערן רעזשים פון גאמאל אבדול נאסער ימח שמו וזכרו!

איר קענט דאך אוודאי מיינען אז יענער אוועט ל"ג לעומר, האט די הזכרה־צערעמאניע זיך געענדיקט בשלום און אדורך אן טרויעריקע געשעענישן? האט איר א גרויסן טעות: ווי נאר די רעדיא־טעכניקער, און די פאליציי וואס האט זיי באגלייט, זיינען אוועק פון שוהל, איז אנגעלאפען א באנדע באסיאקעס, בארוועסע אראבישע שקצים, געפירט פון עגיפטישע סטודענטן כוליגאנעס, מיט שטעקנס און שטיקער אייזן אין די הענט, באפאלן די שוהל, אויסגעהאקט אלע שויבן, און דורך די אויסגעשלאגענע פענצטער, באווארפן מיט שטיינער דעם עולם וואס האט זיך געפונען דארט, און א גרויסער צאל איינוועזענדע איז פארוואונדעט געווארן; און ביז די פאליציי — וואס מ'האט געשיקט רופן — איז אנגעקומען, זיינען די מנובל'דיקע מחבלים שוין לאנג געווען אנטרינען געווארן . . .

אין מדרש און אין תלמוד זיינען פאראן נאך אנדערע אגדות און לעגענדן בנוגע ל"ג לעומר. אויך די נאטירלעכע שיינקייט פון דער פעריאדע — צווישן פסח און שבועות, — נעמט איינטייל אין דער פייערונג פון ל"ג לעומר מיט

דעם אויפלעבן פון דער נאטור, ווען ביימער און פלאנצן פאנגען־אן בליען און שפראצן, ווען אלעס וואכט־אויף צו א ניי לעבן, צו א נייער עקזיסטענץ: די הערליכקייט פונעם פרילינג גיט צוריק האפנונג און דערציילט אונדז אז ניט שטענדיק איז דאס לעבן פארפרוירן — אז אויך דער מענטש — אזוי ווי די נאטור, דערוועקט פרישע כוחות, ניי מוט און טאר קיינמאל נישט פארלירן די האפנונג אויף בסערס, אויף שענערס!

אויך קאנען מיר צוגעבן אז אום דעם אטעם אפצוכאפן פון די 32 אומעטיקע ספירה־טעג, האט דער איד געמאכט אן הפסקה דעם 33־טן טאג, און געשאפן א וואכנדיקן יום־טוב: ל״ג לעומר, וואס זאגט צו אונדז: — אידישע קינדער, האט חתונה, ווערט אייך, אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים! און אזוי ווי אין פרעה׳ס צייטן, האבן די מצרים זיך געשראקן פון דעם: „פון ירבו״ — אפשר וועלן אידן ווערן גרויס אין צאל, האט א בת־קול געענטפערט: „כן ירבו״: זאלן אידן זיך מערן — „ותמלא הארץ אותם״: און די ערד זאל זיין פול מיט זיי! זאלן אלע המנס, היטלערס, אבדול נאסערס, סטאלינס, ימח שמם וזכרם, זוכן אונדזער לעבן צו פאראומערן, מיר שרעקן זיך נישט פון זיי: מיר זיינען א פאלק פון בטחון, פון האפנונג וואס האט פיל אומגליקליכע צייטן דורכגעמאכט און דאך געבליבן אין לעבן. און ווען די זון איז, אין אמאליקע צייטן, פאר דעם איד אונטערגעגאנגען אין מזרח — איז זי שפעטער אויפגעגאנגען אין מערב. און אויב דא נישט לאנג איז די זון אויסגעלאשן געווארן פאר אונדזערע 6 מיליאן מארטירער אין מערב, האט זי אבער אנגעהויבן שיינען אויף דאס ניי פאר אידן אין מזרח, אין אונדזער ליבער היים און הייליק פאטערלאנד: **ישראל! עם ישראל חי!**

רות באכנער

## מיין מאמע (אין פאלקס טאן)

איך האב א טייערע מאמע געהאט,
מיט הימל־בלויע אויגן, תמיד פארטראכט;
זי איז מיט מיר בייטאג און ביינאכט,
כ׳זע זי אין חלום — מיינע אויגן פארמאכט.

מאמע דו האסט מיך ליבן געלערנט,
און אלץ וואס גוט איז צו פארשטיין;
דיין נאמען מאמע, קלינגט מיט גרויס חן —
ווי די גאנצע וועלט אזוי שיין.

גאט ווייסט דעם אמת וואס דו פאר מיר געווען,
א חוץ אז מאמע א הארץ־פריינט געהאט אין דיר;
מאמע, מיין קרוין! דיינע ברכות פעלן מיר,
ווען איך בין א סכנה בעט איך צו דיר.





## די אוצרות פון טוטאנקאמען

טוטאנקאמען, דער מלך פון מצרים, איז געווארן א פרעה דורך זיין חתונה האבן מיט א פרינצעסין מיטן נאמען אנקהעסענפאטען, די טאכטער פון אן עגיפטישן קעניג אבענאטען און זיין קעניגין נעפערטיטי. ער האט געהערשט פון 1379 ביז 1362 פאר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג און געגאלטן פאר אן אפיקורס אין זיין צייט.

טוטאנקאמען איז געקומען צום טראן ווען ער איז בלויז אלט געווען ניין יאר און ביזן צוועלפטן יאר פון זיין יונג לעבן האט מען אים אייגנטלעך גערופן טוטאנקהאטען. מצרים איז דעמלט געווארן א גרויסע אימפעריע, וואס האט געגרייכט פון סיריען ביז סודאן. אויך האבן אירע מלחמות איר אריינגעברענגט אסך זאקרויב, פון וואס זי איז, נאטירלעך, זער רייך געווארן. קיין לאנד, אין יענער צייט, האט נישט אזויפיל פארמאגט סאי אין גאלד סאי אין אנדערע מיטלען ווי עגיפטן. א גרויסער חלק דערפון איז געווען דאס אייגנטום פון פרעה אליין אבער אויך אין די טעמפלען האט זיך געפונען פיל גאלד.

**דער מלך און דער זון־גאט** זענען געווען איינס; עס האט געהייסן, אז ער איז א **זון פונם זון־גאט** און א מענטשלעכער מוטער. געקרוינט איז דער פרעה געווארן פון די פריסטער פון קארנאק, בעת וועלכער צערעמאניע ער האט עס געענדערט זיין נאמען אויף טוטאנקאמען, וואס באטייט: „דאס לעבעדיקע בילד פון גאט אמון״; זיין קעניגין איז געווארן אנקהעטענאמון — איינע, וואס לעבט פארן גאט אמון —. זייער רעזידענץ האט זיך געפונען אין מעמפיס.

מיליטעריש איז עס געווען א שלעכטע צייט פאר עגיפטן, ווייל ס׳האט געהייסן, אז די געטער האבן זיך אפגעזאגט פון לאנד. טוטאנקאמען האט געלאזט מאכן אסך גאלדענע בילדער פון זיין „פאטער״, דעם גאט אמון ווי אויך האט ער אויפגעבויט מערערע נייע טעמפלען. ס׳איז גאנץ גריילעך, אז ער האט אפילו געשיקט א מיליטערישע עקספעדיציע קעגן פאלעסטינע און לבנון.

טוטאנקאמען, ווי שוין אנגעוויזן, האט נישט לאנג געלעבט. און ווען ר׳איז געשטארבן, האט מען נישט געהאט די געהעריקע צייט אים צו בויען א קבר פאר זיך אליין. האט מען אים טאקע געלייגט אין קבר אריין פון זיין וויזיר, איי, וועלכער האט אויך ביים לעבן אנגעפירט מיט דער מלוכה, היות טוטאנקאמען איז געווען מינדעריעריק. עס איז אנגענומען אין געוויסע קרייזן, אז ער איז געשטארבן פון א געשפאלטענעם קאפ. מיט אים האט מען באגראבן צוויי זיינע טויט־געבוירענע קינדער. קיין לעבעדיק קינד האט ער נאך זיך נישט איבערגעלאזט.

אן ערך דריי טויזנט דריי הונדערט יאר שפעטער, אין נאוועמבער, 1922,

האט אן ענגלישער ארכעלאג אנטדעקט א טרעפ, וואס האבן געפירט צו טוטאנקאמענס קבר. געשעען איז עס מעשה צופאל, אויסגראבנדיק דאס קבר פון רעמסס דעם זעקסטן, וואס איז געקומען צו זיין אייביקער רו כמעט צוויי הונדערט־יאר שפעטער. ס׳איז געווען בעת א צווייטן פארזוך צוצוקומען צו אט דעם קבר.

פינאנסירט איז אט די ארכעאלאגישע עקספעדיציע געווען פונם לארד קארנארוואן, א רייכער מעצענאט.

נאכן אפרוימען טייזנטער טאן זאמד, איז מען ענדלעך צוגעקומען צו די טרעפ. דורכברעכנדיק א לאך ביים אריינגאנג צים קבר, האט מר. קארטער, דער ארכעאלאג אריינגעלויכטן אין באמערקט מאדנע חיות און פיגורן פון גאלד. וואו נאר זיין בליק האט געגרייכט האט ער געזעען גאלד.

וואס ער האט דעמלט געפינען קען מען איצט זעען אויף דער אויס־שטעלונג אין בריטישן מוזעאום, וואס אט די אויסשטעלונג גופא איז א מין פייערונג דעם יובל — געניי פופציק יאר — פון דער אנטדעקונג פון טוטאנ־קאמענס קבר.

עגיפטן האט תמיד געליטן פון קברים־גנבים, וואס האבן זיך פארנומען אריינברעכן און אויסרויבן קברים פון מלכים און רייכע לייט. און הגם אויך אין טוטאנקאמענס קבר האבן אזעלכע גנבים זיך אריינגעבראכן, האבן זיי, צום גליק, זער ווייניק פון דארט אוועקגעטראגן. מסתמא איז עס געשעען, ווייל זיי האבן זיך געשראקן, אז מען וועט זיי כאפן.

דער ארון, אין וועלכן מ׳האט אים געלייגט, איז געווען געגאסן פון לויטער גאלד — הונדערט און צען קילא די וואג. זיין טויטן־מאסקע, וואס האט באדעקט זיין פנים, איז אויך פון לויטער גאלד. דריי אזעלכע ארונות זענען עס, איינער אינם אנדערן, געמאכט פון האלץ און איבערגעצויגן מיט לויטער גאלד. און אט די אלע דריי זענען געווען אריינגעלייגט אין א שטיינערנעם סארקאפאג׳ס.

בלויז אין טוטאנקאמענס פאל האבן ארכעאלאגן געפונען א קבר אזוי ווי עס איז אורשפרינגלעך כמעט געווען. אלע אנדערע קעניגלעכע קברים זענען מער ווייניקער געווען באגנבעט און אויסגערויבט. אויך איז צו באוואונדערן ווי די אלע חפצים זענען געווען געמאכט. צען יאר האט עס גענומען דעם ארכע־אלאג קארטער צונויפצוזאמלען אט די אלע זאכן פונם קבר ארויס און זיי צו פארקאטאלאגירן.

אין יאר 1923 איז זיין מעצענאט, לארד קארנארוואן, געשטארבן פון א לונגען־אנטצינדונג, א פועל־יוצא פון א מאסקיטא־ביס אין קאאירא.

שעהנלאנג מוז מען ווארטן אין א ריי איידער מען קריגט זיך אריין אין בריטישן מוזעאום, כדי צו זעען אט די אויסשטעלונג, וואס באשטייט פון בלויז א חלק פון דער גרויסער קעניגלעכער זאמלונג אין קאאירא־מוזעאום. עס איז אבער ווערט די מי, כדי צו זעען אט די פרעכטיקע, היסטארישע זאכן, וואס זייער ווערט איז נישט אפצושאצן.



אדאם מיצקעוויטש. יידיש: יאקוב דזשערגאווסקי.

## יאנקעל צימבאליסט (פאן טאדעאוש)

שוין זענען אין פארלעך געשטאנען צום טאנצן, נעבן שלאס אין הויף,
אפיצערן, דאמען, שליאכטע און פויערן, גענומען זיך צענויף,
שפילן א פאלינעזע! האט מען שרייען געהערט, דאס איינציקע ווארט,
די אפיצירן, זיי האבן געברענגט דעם פולק׳ס ארקעסטער, צום ארט,
אבער דער פריץ, האט געזאגט אין דעם גענעראל׳ס אויער, אין די שטיל,
באפעל! די קאפעלע, זאל דערווייל נישט שפילן, דאס איז, וואס איך וויל,
דו ווייסט, אזוי ווי היינט האט מיין ברודער׳ס זון תנאים געשריבן,
פון אמאליקע צייטן, ביי אונדז אין לאנד, איז א מנהג פארבליבן,
אז אויף תנאים, אויף חתונות, נאר ווען דארפישע מוזיק מען שפילט,
ר׳שטייט דער צימבאליסט, דער פידלער מיט די פינגער די סטרונעס ער פילט,
פיינע מוזיקאנטן, דער באס שטייט גרייט, ביים באס־פידל געבויגן,
און דער טראמפייטער, שוין פארנייגט זיך, מיט אונגעדולט אין די אויגן,
וויינען, זיי וועלן די ארעמע, אויב כ׳וועל זיי שטערן אין גאנצן,
דאס פאלק, ביי אנדערע מוזיק. ווי איך ווייס, נישט קאנען וועט טאנצן,
זאלן זיי שפילן דערווייל, זאל דאס פאלק טאנצן און גליקלעך זיך פילן,
דערנאך, וועלן מיר הערן דיין קאפעלע, זייער וואונדערלעך שפילן.

מ׳האט א צייכן געגעבן, דער פידלער, האט די ארבל פון זשאקעט פארביגן,
א צי אויף דעם פידל, זיין גאמבע איז אויפן אנשפאר געלעגן,
דעם סמיטשעק, ווי א פערד אין גאלאפ, האט זיך מיט אימפעט געלאזט,
אויף דעם, ווי אין געוועט, האט זיך דער טראמפייטער, זיך הילכיק צעבלאזט,
ווי ר׳וואלט אויף פליגל געשוועבט, אזוי האט ער מיט די ארעמס באוויגן,
מיט כוח געבלאזן אין טראמפייט, צעפלאמט זיין פנים, געפייערט די אויגן,
מ׳וואלט געקאנט מיינען, אז זיי וואלטן זיך אין די לופטן געהויבן,
ווי אויף דעם העל־בלויען תכלת פון הימל, שעמירירן די טויבן.
ס׳האט פארפעלט צימבלען, אבער גענוג צימבאליסטן האט מען געזען,
נאר קיינער פון זיי, איז נישט ווי יאנקעל, א גרויסער קינסטלער געווען,
יאנקעל, דעם ווינטער, מען האט נישט געוווסט ווו ער טוט זיך געפינען,
פלוצלינג, צוזאמען מיט דעם שטאב פון די ארמיי, איז ער דערשינען,
מען האט געוווסט, אז קיין איינער, וועט נישט קאנען אויף דעם אינסטרומענט,
מיט יאנקלען זיך פארגלייכן, נישט אין פלינקייט, זיכער נישט אין טאלענט,
מ׳בעט יאנקלען, אז ער זאל שפילן, מען ברענגט אים א צימבל־אינסטרומענט,
ר׳בעט מען זאל לאזן אים צורו, זעט! ווי פארגרעבט זענען שוין, די הענט,
שוין אפגעוווינט פון שפילן, כ׳קאן נישט, פולקאם שפילן שוין פארגעסן,
אוועקגיין שוין געוואלט, זאשיא, וועלכע דערנעבן איז געזעסן,
האט צו יאנקלען זיך געווענדט, מיט איר וויס הענטל, אים צוגעטראגן,
פויקן־דרענגלעך, מיט וועלכע דער מייסטער אויף די סטרונעס טוט שלאגן,

מיט איר צווייט הענטל, איבער די באָרד, פון גרייז־גרויען אַלטן, זי גלעט,
מיט פולן רעספּעקט.—יאַנקעלע,—האָט זי געזאָגט, און זי האַרציק אים בעט,
עס איז דאָך אייגנטלעך מיין חתונה היינט, שפּיל זשע, יאַנקעלע קרוין,
איר האָט צוגעזאָגט צו שפּילן אויף מיין חתונה, פאַרגעסן שוין?

יאַנקעל האָט ליב געהאַט זאַשיאַן, פון די ווערטער געוואָרן גערירט,
אַ צייכן, אַז ער וועט שפּילן, אין מיטן שטוב מען האָט אים געפירט,
מען שטעלט אים אַ שטול, ר׳זעצט זיך אַנידער, מען האָט אים צימבלען געבראַכט,
ביי אים אויף די קני, מען לייגט זיי אַוועק, ער קוקט, און האַרציק ער לאַכט,
ער איז שטאָלץ ווי אַ וועטעראַן, וואָס די אַרמיי־דינסט איז אים באַקאַנט,
ווען זיינע אייניקלעך, די שווערד, ווילן שלעפּן אַראָפּ פון די וואַנט,
ער לאַכט, דער אַלטישקער זיידע, מעג די שווערד זיין, ווי אַנגעהויר שווער,
פילט ער, אַז די האַנט, שוין אַ שוואַכע, וועט נישט אַנטוישן דאָס געווער.

דאָ, צוויי יינגלעך, נעבן די צימבלען געקניט האָבן זיי אַנידער,
אויף דאָס ניי, די סטרונעס פון די צימבלען, רעגולירן זיי ווידער,
יאַנקעל מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, קוקט ער דורך די אויגן־שפּאַלטן,
די דרענגלעך, ווי נישט באַוועגלעך, אין די פינגער האָט ער געהאַלטן,
מיט אַמאָל אַ קלאַפּ צום טאַקט, טענער האָבן אָנגעהויבן פליסן,
אַ שטאַרקן זעץ אין די סטרונעס, אַ רעש, ווי אַ רעגן וואָלט גיסן,
אַלע וווּנדערן זיך, נאָר דאָס איז אַן אָנפאַנג ערשט, אַ פּראָבע נאָר,
און באַלד אָנגעהויבן מאָמענטאַל, און הויך געהויבן די דרענגלעך גאָר.

נאָך אַמאָל אָנגעהויבן שפּילן, די דרענגלעך ציטערן און דריגן,
ווי ס׳וואָלטן אָנגעקלינגען אין די סטרונעס די פליגלען פון פליגן,
זיי גיבן אַרויס פון זיך קוים געהערטע קלאַנגען־זשומען,
דער מיינסטער קוקט צום הימל, וואַרט, אַז די מוזע צו אים זאָל קומען,
ער קוקט אַרויף אין די הויך, מיט אַ שטאָלץ אויג, מעסט ער דעם אינסטרומענט,
ער הייבט די דרענגלעך, און מיט אַמאָל, אַ קלאַנג, עס ציטערן די ווענט.

דערשטוינט זענען אַלע צוהערער, ווי פון פיל סטרונעס צוזאַמען,
אַ גאַנצע קאַפּעליע וואָלט געשטורעמט מיט מוזיקאַלישע גאַמען,
אָנגערופן האָט זיך ווי פון גלעקלעך, פייקלעך, שיינע געזאַנגען,
ליב פאַר דעם אויער פון 13־טן מאַי־פּאָלאָנעז, די שפּרינגענדע קלאַנגען,
מיט פרייד אָטעמען זיי אָפּ, מיט גרויס גענוס, זיך הערן איין,
מיידלעך ווילן טאַנצן, די יינגלעך אויף זייער אָרט, קאָנען קוים איינשטיין,
די אַלטע־לייט, זיי דענקען וועגן קלאַנג פון פאַרגאַנגענע טאָג,
ווען ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט סענאַטאָרן, דעפּוטאַטן,
נאָך דעם טאָג פון 3־טן מאַי אין ראַטהויז צוזאַמען זיך געקומען,
אין איינקלאַנג מיט דעם איינשטימונג פון דעם פאָלק, פאַר אַ קעניג צו שטימען,
זאָל לעבן אונדזער קעניג, לוסטיק געטאַנצט און פריילעך געזונגען,



זאָל לעבן דער סיים, דאָס פאָלק, אונדזער לאַנד, האָבן קולות געקלונגען.

דער מיינסטער, שפּילט שענער און שענער, און מיט אַמאָל, עפּעס אַ קלאַנג,
ס׳הערט זיך אַ פאַלשער טאָן, ווי דאָס סיטשען פון אַ גיפטיקער שלאַנג,
ווי אַ קרעץ פון אייזן אויף גלאָז, ס׳איז אַדורך אַלעמען אַ ציטער,
די פריילעכע שטימונג מישט זיך צענויף מיט אַ געפיל אַ ביטער,
פאַרטרויערט זענען די צוהערער געוואָרן, געהאַט אַ פאַרדאַכט,
אַז דער אינסטרומענט, איז שלעכט רעגולירט, צי אַ טעות איז געמאַכט,
יאַנקעל, האָט קיין טעות נישט געמאַכט, נאָר מיט אַ ספּעציעלן באַדייט,
וואָס העכער די פאַלשע סטרונע באַרירט און די מעלאָדיע צעדרייט,
גערוואָזי האָט פאַרשטאַנען יאַנקלען, אַז ר׳האָט קיין טעות נישט געהאַט,
כ׳דערקען די שטימע! האָט ער געשריגן, ס׳איז טאַרגאָוויצאַ־פּאַראַט.

און מיט אַמאָל האָט געפּלאַצט מיט רעש, די סטרונע, וואָס האָט געשטערט,
דער קינסטלער נעמט אַ צווייטע סטרונע, שוין טענער אַנדערע מען הערט,
ער בייט נאָך אַמאָל די סטרונעס, מיט די דרענגלער שלאָגט ער אין די באַטן,
מען הערט גאָר הויכע טענער, דאַן, צו שפּילן הייבט ער אָן געלאַסן,
אַ סאָלדאַטן־מאַרש, אַן אָנגריף־אַטאַק, און פון ביקסן דאָס שיסן,
וויינען פון קינדער, יאָמער פון מאַמעס, וועלכע טרערן פאַרגיסן,
אַ קלאַנג פון אַ שטורעם, די פרויען זענען דערשראָקן געוואָרן,
זיך דערמאַנט מיט שרעק, די שרעקלעכע און שוידערלעכע יאָרן,
דאָס שלאַכט־פעלד פאַרשפּרייט מיט פיל הרוגים מיט סקעלעטשעטע גלידער,
די פּראַגער שחיטה, געוווּסט פון לייענען אין ביכער און פון לידער,
שוין געוועזן צופרידן, ר׳האָט אין די סטרונעס אָנגעהויבן שלאָגן,
די שרעקלעכע בילדער פון די אויגן פאַרטרייבן און פאַריאָגן.

די געסט, האָבן זיך דערוואַכט, ווי פון אַ דרימל, צו זיך געקומען,
שוין ווידער אַן אַנדער מוזיק, מיט אַמאָל גאָר אַן אַנדער זשומען,
לייכטע און שטילע, עפּעס אַ מעלאָדיע, האַרציק, ליריש און דין,
ענלעך צום רויש, ווען אַ פליג, וואָס רייסט זיך דורך דעם געוועב פון אַ שפּין,
מער סטרונעס הייבן אָן צו שפּילן, עס ווערט שטאַרקער די טענער,
מען הערט, ווי ס׳קלאַפּן טריט פון לעגיאָנערן, אונטער פרייע פענער,
זיי מאַרשירן צום טאַקט, עס האָבן נאָך סטרונעס זיך צעקלינגען,
יאַנקעל שפּילט אַ טרויער־ליד, וואָס ווערט אין פוילן דורך פיל געזונגען,
— זעלנערל! וואַנדערער! דורך פעלדער, דורך וועלדער, וועגן דיך פירן,
פון נויט און פון הונגער, אַ מידער, קוים מיט אַן אָבער צו רירן,
אַם ענדע פאַלסט דו אַוועק אַ טויטער נעבן די פיס פון דיין פערד,
דיין פערד גראָבט דיר אַ קבר, מיט זיין פוס, אין די פאַרהאַרטעטע ערד, —
עס איז אַן אַלט־פּויליש לידל, עס ווערט געזונגען דורך מיליטער,
די סאָלדאַטן האָבן ס׳ליד דערקענט, געקומען נאָענט צו יאַנקלען מער,
אַרום דעם מיינסטער זיך געשטעלט, צוגעהאָרכט זיך צום ליד, זיך דערמאַנט,

די צייט, ווען זיי האבן פארן שונא געמוזט אנטלויפן פון לאנד,
מיט דעם ליד אויף די ליפן, אוועק זענען זיי אין די ווייטע וועלט,
לאנגע יארן וואנדערן אין וועג, ליידן הונגער און ליידן קעלט,
איבער לענדער, טייכן, איבער זאמדן, איבער געפרוירענעם שניי,
צווישן מענטשן אומבאקאנטע, אין א לאגער פארשפארט האט מען זיי,
דערפרייט האט זיי דאס ליד, ביים לעבן דערהאלטן, געהייטערט זיי אף,
מיט אזעלכע געדאנקען, האבן זיי אראפגעלאזט דעם קאפ.

זיי האבן צוריק דעם קאפ געהויבן, ווייל זיי האבן באלד דערפילט,
אז דער מייסטער גרייט א צווייטן טאן, ס'געדויערט א ווײַלע און ער שפילט,
און נאך אמאל קוקט ער ארויף מיט זיין אויג, די סטרונעס, מעסט ער זיי,
מיט א כוח, מיטביידע הענט, ר'קלאפט אין די סטרונעס מיט דרענגלעך צוויי,
ווי קינסטלעך איז געווען דער קלאפ, מיט וואס פאר אן'אנגעהויבענע מאכט,
די סטרונעס, האבן זיך צעקלינגען, ווי טרומייטן פון מעש געמאכט,
ווי א טרומייט, וואלט געבלאזט צום הימל ארויף, א ליד א באקאנט,
א מארש א טריאומפאלער, „ס'איז נאך נישט פארלוירן, פוילן אונדזער לאנד",
מארשיר דאמבראווסקי! אריין קיין פוילן, געפאטשט האט מען מיט די הענט,
הויך געשריגן, מארשיר דאמבראווסקי! אזש געציטערט האבן די ווענט.

דער קינסטלער, ווי ער וואלט געוואלט זיין אייגן לידל לויבן,
ר'האט ארויסגעלאזט די דרענגלעך פון די הענט, די הענט הויך געהויבן,
דער שטריימל, איז אים אויף זיינע פלייצעס געפאלן אראפ פון קאפ,
געשאקלט האט ער מיט זיין לאנגע בארד, געהויבן איר הויך ארויף,
אויף זיינע באקן האבן זיך געשטעלט מאדנע רויטע פלאמען,
אין זיין פנים, אין זיין בליק, געבלאסקט האט מיט יונגע לעבנס־פלאמען,
אז ווען אויף דאמבראווסקין, האט דער אלטער יאנקעל, די אויגן געווענדט,
האבן טרערן אנגעהויבן פליסן, ס'פנים פארשטעלט מיט די הענט,
גענעראל! האט ער געזאגט, אונדזער לאנד, קוים נאך דיר דערוואַרט האט זיך,
אונדזער ליטע, האט לאנג געווארט, ווי מיר יידן, ווארטן אויף משיח,
וועגן דיר, האבן נביאות געזאגט, סיי געלערנטע סיי פראסטע מענטשן,
לידער האט מען וועגן דיר געזונגען, מען פלעגט דיין נאמען בענטשן,
לעב, קעמף, דו אונדזער! . . . דאס זאגנדיק, האבן טרערן ביי אים געטריבט,
א ייד אן'ערלעכער, מ'פאטערלאנד, ווי א פאליאק האט ער געליבט,
דאמבראווסקי האט אים געדאנקט, די האנט געגעבן, די טרערן אפגעווישט,
יאנקעל האט די יארמולקע אויסגעטון, דעם מנהיג די האנט געקושט.

שבת, דעם 27'סטן מאי, וועט קיין יידיש ליטערארישע נאכמיטאג נישט זיין. איבער די בענק־האלידיעס וועט הער זאל זיין געשלאסן.



פייוול זיגלבוים

## א זיידע צו אן איינִיקל

פּין רעמל
ליכטיקט א פנימל
מיט אלע יידישע חנ'ן,
מיין אייניקל
פון ירושלים,
דער בכור
פּון אבידען מיט יהושען.
פּוכיק גאלד אויפן קעפל,
בעקעלעך — זאפטיקע עפל,
אויגן בלויע,
זיידענע וויעס
באַרימט זיך א זיידע
צווישן זיידעס:
אזא שמייכל
אין שכל האט עס,
פארוואר
א שלמה המלך
פון איין יאר.
גאי אילן איז זיין נאמען,
מיין אייניקל פון ירושלים
א ברכה פאר טאטע מאמע
זיידע באבען.

תל־אביב, 11'טן אפריל 1972

## מיין אייגענער חבר

כ'בין אין א שלאס מיט שטעכל־דראט ווענט
עמעצער שטויסט מיך מיט איידעלע הענט
א נאקעטן צום שטעכיקן זשאווער,
ווער?, מיין אייגענער חבר . . .
פון גאלדענעם שלאס א תפיסה געמאכט,
פון ליכטיקן חלום, א פינצטערע נאכט,
פון אמת, א שקר,
ווער?
טאקע ער,
מיין אייגענער חבר . . .

## גוטסקייט ווו ביסטו?

מען רעדט צו דיר און דו ביסט נישטא,
גוטסקייט, ווו ביסטו ווו?
האט דיך איינער, ליבט מען דיך אין אים,
נאר דער ליבער, אנטליפט פון דיר.
אנטליפט? מיינט ביסט יא דא, טא
פארוואס זשע יאגסטו ניט נאך?
נאָר ביים הערצל דיין נעסט,
נסתרדיק ניט, אנטפלעק,
אלע דארפן דיך,
ווייניק האבן דיך,
אלע גרויסן זיך
מיט וואס זיי האבן נישט,
קאנען ניט דיין חן

און ליבן די „גוטסקייטג אליין
ביזן טאג אריין,
דאס מיינט מען דאך דיך נו—. . .
גוטסקייט, זו ביסטו ?. וו ..
באוויז, אז מיט דיר איז ליכטיקער די וועלט
העלער ווי העל צעהעלט,
אז מיט דיר איז דער בן־אדם א מלך
קאן פארטרייבן יעדן מולך,
אז מיט דיר איז לייכטער דאס לעבן
דעם דופק פון צלם־אלוקים צו הערן,
ס׳גוט גוטסקייט מיט דיר מאכן שלום
טא זיי מיט מענטש, ניט אין חלום
זיי אין אים אויף דער ערד,
פאר אים דיין באשאף, פאר אים באשערט,
זיי נישט קיין בושת־פנים,
אך התנצלות יאג אן דעם בן־אדם.

מלך ראוויטשן
צו זיין קבלת פנים אין לייוויק הויז
תל־אביב, אפריל 1972

אין ליד „לכבוד שבועות“ זייטל 6 שורה 11
שטאט : „מיט היי הויך זיינע הועיות“.
מוז זיין : מיט „הוי ה״־הויך זיינע הועיות.

בן אורי קונסט גאלעריע, יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט)
און יידישער זשורנאליסטן פאריין

## קבלת פנים לכבוד
דעם 75־טן געבוירנטאג פון אונזער דיכטער
**א. נ. שטענצל**
**זונטיק, דעם 4־טן יוני**, 1972, פונקט 3 א זייגער
אין
**21, DEAN STREET, LONDON, W.1.**
באגריסונגען :
א. גאלדבערג, ש. גאלדשמידט, ד״ר מ. גערטנער,
י. הערמאן, י. זאנטאג, י. לעפטוויטש,
ב. פילדמאן, י. פרענקעל, י. צאנג
רעציטאציעס :
סעם גאלדבערג, קאלמאן קאפעץ
פארזיצער :
ד״ר ישראל פעלדמאן

איינטריט פריי
קומט אין צייט

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־6 (העפט 2־400) 33־סטער יאר יוני־יולי־אויג. 1972 לאנדאן

## אינהאלט :

ירושלים השלימה און די גאנצקייט פון יידישן פאלק, מאמע לשון,
„אך הפעם“, דערלעבן ...... ...... ...... ...... ...... *** 3
ראש־השנה מחשבות, ...... ...... ...... יוסף בן שמעון וויינשטיין 14
שלום כאמעלע, מענדל ביילעס (סקיצן) ...... יעקב דזשערנאווסקי 17
תשעה באב (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... דערעק ריד 20
פעסימיסטישע געדאנקען, ...... ...... ...... ...... אסתר ערליכמאן 20
דריי שטערן (ליד) ...... ...... ...... ...... ......עלא זילבערג 21
מר. קארט ...... ...... ...... ...... ...... ...... ה. נ. בענקוויטש 22
מען ווערט עלטער (ליד) ...... ...... ...... ...... אייזיק גאלדבערג 26
פארן לעצטן גערשנגל, א מעשהלע פון א פארשוווונדענעם למד־וואווניק,
אזעלכע פרילינג־סטראפעס היי־יאר (פראזע און פאעזיע)
...... ...... ...... ...... ...... ...... א. נ. שטענצל 26
א גאלדן בלימעלע אין דער „איסט סייד“ (מיין „טאטנס בית־דין שטוב“
פון יצחק באשעוויס), ...... ...... ...... ...... סעם גאלדבערג 36
יידיש (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... ...... רות באכנער 38
יידיש אין מדינת־ישראל ...... ...... ...... ...... ...... נעט רובין 39

**די קולטור ידיעות** מחמת, ענג אין פלאץ, וועלן קומען קומענדיקן חודש.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
**פרייז 10 פענס**

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**
**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**
**מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־**
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*